STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04760

DOS REKHT OYF LIBE

Max Simon Nordau

*Permanent preservation of this book was made possible
by Philip & Miriam Rothchild
in memory of
Benjamin & Esther Ginsberg and Kaufman & Augusta Kellner*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַקס נאָרדוי

דאָס רעכט אויף ליבע

פּיעסע אין פיר אַקטן

ייִדיש: אברהם זאַק

UNITE... W...
LIB...
2700 Bronx Pk. East
No.......
COOPERATIVE ASSOCIATION

פאַרלאַג
1922 „אונזער בוך" וואַרשע

נאָכדרוק פֿאַרבאָטן.

אין אמעריקע געשיצט דורך „פרץ שרייבער־פֿאריין“ אין ניו־יאָרק.

אויפֿפֿירן די דאָזיקע איבערזעצונג אויף דער בינע אָן א פֿארשטענדיגונג מיט'ן איבערזעצער איז פֿארבאָטן.
זיך ווענדן דירעקט:
A. Zak, Warszawa, Mławska 3, m. 7.

געזעצט און געדרוקט אין דרוקעריי פֿון „ברידער וואָיציקעוויטש“, ווארשע, נאלעווקער קראָמען 5.

Druk. Br. Wójcikiewicz, Warszawa, Kramy Nalewkowskie 5.

832 1 S7-2686

פּערזאָנען:

יאָזעף װאַרמונד, סוחר
אָטאָ באַרדענהאָלם, אַסעסער
דאָקטאָר ביוטנער
פרוי בערטע װאַרמונד
פרוי פרידאָרף, איר מוטער
פרוי בורקהאַרד, קינסטלערין
מינע, שטוב־מײדל בײ װאַרמונד
לענע, פּאַרװאַלטערין בײ פרוי פרידאָרף
גובערנאַנטין בײ װאַרמונדן (אָן װערטער)
בעטסי, 7 יאָר } װאַרמונדס קינדער
לואיזע, 5 יאָר }

דער ערשטער אַקט קומט פאָר אין הערינגסדאָרף, דער צװײטער אין ליכטער־פעלד, דער דריטער און פערטער אין בערלין.

די האַנדלונג קומט פאָר אין אונזער צײט.

צװישן דריטן און פערטן אַקט איז גישטאָ קײן הפסקה.

2700 ... COOPERATIVE ASSOCIATION

ערשטער אקט.

א װעראַנדע פאַר װאָרמונדס זומער-װאוינונג אין הערינגסדאָרף.

די הינטערשטע און לינקע װאַנט זענען אין דער העלפט פון גלאָז, דורך דער הינטערשטער װאַנט זעט זיך דער ים, דורך דער לינקער — דער ים-ברעג און דיונעס. אינמיטן פון דער הינטערשטער װאַנט איז אַן אריינגאַנגס-טיר, צו װעלכער עס פירן פון דרויסן דריי טרעפּלעך. רעכטס — א טיר, װאָס פירט אין די צימערן. אין דער טיף פון דער בינע, רעכטס, אין װינקעל, שטייט א קיילעכדיקער טיש, פאַרנט א פירעקיגער. לינקס — עטלעכע װיג-שטולן און פאָטעלן.

ערשטע סצענע.

מינע און װאָרמונד.

מ י נ ע

מיט א טוך אין האַנט רייניקט די װעראַנדע

װ אָ ר מ ו נ ד

קלאַפּט פון דרויסן אין טיר און נאָכדעם אין שויב

מינע! דו הערסט? מינע!

מ י נ ע

אַנרופנדיק זיך

באַלד, באַלד!... איך גיי! אײלט זיך צו דער טיר און עפנט זי.

וואַרמונד

[illegible]

כאַפּט עס דער טייוועל! ווער האָט עס ווידער פאַרמאַכט די טיר? איך האָב דאָך איין מאָל פאַר אַלע מאָל געזאָגט, אַז זי זאָל שטענדיק זיין אָפן אַ גאַנצן טאָג!

מינע

איבערדרייענדיק די שטילן

יאָ, אָבער די מאַדאַם האָט פאַרזאָגט צו האַלטן די טיר שטענדיק פאַרמאַכט.

וואַרמונד

לייגט אוועק דעם הוט און שירם אויפן קיילעכדיקן טיש, בייזערט זיך

אייביק איין און דיזעלבע געשיכטע! קיינמאָל טאָר מען ניט האָבן קיין אייגענעם פאַרלאַנג... פאַראַן עפּעס פון בערלין?

מינע

יאָ, אַ קעסטל. *נעמט אים פון פירעקיגן טיש*

וואַרמונד

אַזוי... דאָס איז אויסגעצייכנט.

מינע

וועט איר הייסן עפענען?

וואַרמונד

איך וועל אַליין עפענען *נעמט אַרויס אַ טאַשן-מעסערל*

מינע

כ'וועל ברענגען אַ קיך-מעסער.

וואַרמונד

מען דאַרף ניט, — דאָס קעסטעלע איז שוין פאַרשלאָגן, ברענגט בעסער אַ גרויס גלאָז וואַסער.

מינע

אָפּ רעכטס אין טיר

װ אַ ר מ ו נ ד

עפֿענענדיק מיטן טאַשן־מעסערל דאָס דעקל פֿון קעסטל

איך האָב שוין מורא געהאַט, אַז דאָס קעסטל װעט פֿאַרשפּעטיקן. אײַנס! — צו אַלדי רוחות דאָס מעסערל... דאָס אומגליק איז ניט גרויס, — זאָל נאָר דער סיורפּריז געפֿעלן װערן בערטען.

מ י נ ע

ברענגט אַ גלאָז װאַסער

װ אַ ר מ ו נ ד

נעמט דאָס דעקל

אָט. אַן אמת׳ער, אַ פֿרישער!... שטעלט דאָס גלאָז אױפֿן טיש נעמט אַרױס פֿון קעסטל אַ גרױסן פּראַכטפֿולן בוקעט און שטעלט אים אַרײַן פֿאָרזיכטיק אין גלאָז, אַראָפּנעמענדיק פֿריער פֿון אים דאָס פּאַפּיר, אין װעלכן ער איז געװען פֿאַרװיקלט. גיט אָפּ דאָס פּאַפּיר מינען. װאַרפֿט עס אַרױס.

מ י נ ע

דערװײַטערט זיך

װ אַ ר מ ו נ ד

נעמט פֿון קײלעכדיקן טיש דעם הוט און שירם, לײגט זײ אױפֿן פֿירעקיגן טיש, איבערלאָזנדיק דעם בוקעט אױפֿן קײלעכדיקן. קוקט איבער די באַקומענע קאָרעספּאָנדענץ: דרײַ בריף און צװײ צײַטונגען. אײנעם פֿון די בריף לײגט ער צוריק אַנידער אױפֿן טיש, די צײַטונגען לײגט ער אַרױגטער אונטערן אָרעם, אַראָפּרײַסנדיק פֿון זײ די באַנדעראָלן. בײדע בריף עפֿנט ער, לױפֿט זײ שנעל אדורך און בײַ בערטעס און באַרדענהאָלמס אַרײַנגײן, באַהאַלט ער זײ אין טאַש.

צװײטע סצענע.

װאַרמונד, בערטע און באַרדענהאָלם.

בערטע קומט אַרײַן אין דער רעכטער טיר, באַרדענהאָלם נאָך איר.

ב ע ר ט ע

אַך, ס׳אַראַ היץ איז הײַנט! זעצט זיך לינקס אין אַ פֿאָטעל און פּאָכט

אויף זיך מיט אַ שׂכל.

באַרדענהאָלם

מיר זענען שנעל געגאַנגען, און גיין איבערן זאַמד איז אַ מאַטערניש.

בערטע

נעמט אַראָפּ דעם הוט און שטייט אויף, כּדי אים אויסצוקוויליגן

באַרדענהאָלם

ערלויבט מיר נעמט דעם הוט פֿאַרזיכטיק פֿון אירע הענט און גייט מיט אים צום קיילעכדיקן טיש

בערטע

קוקט דורך די שויבן פֿון וועראַנדע און זאָגט ווערמונדן איבערן פּלייצע

בריוו זענען פֿאַראַן?

ווערמונד

אַ בריוו פֿון דער מאַמען גיט איר איבער דעם בריוו

בערטע

נעמט דעם בריוו, ניט קוקנדיק אויפֿן מאַן און עפֿנט אים

ווערמונד

שטייענדיק נעבן איר

נו, וואָס שרייבט די מאַמאַ? איז זי געזונט? קלייבט זי זיך ניט צו קומען?

בערטע

ניט פֿריינדליך

פֿון וואַנען זאָל איך דאָס וויסן. לאָז מיך פֿריער איבערלייענען דעם בריוו.

ווערמונד

שטיל צו באַרדענהאָלם

בײַ מײַן פֿרוי זענען היינט ווידער צושרויפֿט די נערוון.

באַרדענהאָלם

מיר דאַרפן זיך נאָך ווייכער מיט איר באַגיין. מישלע זאָגט: „אַ פרוי איז געגליכן צו אַ פאַרוואונדעטן".

וואַרמונד

מישלע איז נאַריש ווי אַ באַראַן.

באַרדענהאָלם

אָ! מישלע איז אַ טיפער פּאָעטישער טאַלענט.

וואַרמונד

מיט אַ גוטמוטיקער איראָניע

יאָ, אַפנים, ס'איז אַזוי.

בערטע

באַהאַלט דעם בריוו

אַ גרוס פון דער מאַמאַ. זי איז געזונט, נאָר איר איז שווער צו קומען אַהער.

וואַרמונד

יאָ? ווי זי וויל... דאָס איז דיין געדאַנק... איך האָב נאָך פריער געקלערט, אַז די ים־לופט וועט איר גיט העלפן פון רעוומאַטיזם.

בערטע

אוודאי, מיר גייען זיך שטענדיק פאַנאַנדער אין די מיינונגען.

וואַרמונד

באַרויק זיך, בערטע! צו וואָס נאָך אָנציען קריג? וואו האָסטו אַנידערגעלייגט דיין הוט?

באַרדענהאָלם

ברענגט אַ בענקעלע און שטעלט עס צו בערטעס פיס. אויסגלייכנדיק זיך

דאָ קאָן איך שוין עדות זאָגן, אַז אויפן טיש איז ניט געווען קיין שטויבעלע, בעת איך האָב אויף אים אַנידערגעלייגט דעם הוט. איך באַצי זיך מיט ערפורכט צו די זאַכן פון אייער פרוי...

ב ע ר ט ע

שאַרף

איך וואָלט דיר בכלל אַן עצה געגעבן, צו זאָרגן בעסער וועגן דיינע אייגענע זאַכן.

וו אַ ר מ ו נ ד

גיסטמוטיק

ווידער ניט צופרידן געשטעלט! איך האָב עס געזאָגט נאָר צוליב דעם, כדי צו צווינגען דיך אַ קוק טון אויפן טיש.

ב ע ר ט ע

וואַרפט אַ בליק אויפן קיילעכדיקן טיש, שפּרינגט אויף און לויפט צו צו אים

וואָס פאַר אַ פּראַכט! ווי שיין, ווי ליב! נעמט דעם בוקעט און באַקוקט אים ווער האָט אייך געזאָגט, אַז מיין באַליבטע בלום איז די היפּסאָפּיליע?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

אומענטשלאָסן

ווי?... מיר?... נאָך וואָס?...

ב ע ר ט ע

איר האָט אים אַוודאי אויסגעשריבן פון בערלין? דאָ קאָן מען אַזאַ בוקעט ניט געפינען.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

צום באַדויערן, דער בוקעט איז נישט פון מיר... אַ שאָד, וואָס...

ב ע ר ט ע

פאַרשעמט

ניט פון אייך? פון וועמען־זשע...

וו אַ ר מ ו נ ד

שמייכלענדיק

וועגן מיר האָסטו גאָר נישט אַ קלער געטון?

ב ע ר ט ע

מיט אַן ענטוישטן טאָן

פון דיר? שטעלט צוריק אוועק דעם בוקעט און קערט זיך אום צום פאַטעל

וו אַ ר מ ו נ ד

איצט געפעלט ער דיר דען ווייניקער?

בערטע

אויפגערעגט

וואָס רעדסטו! איך בין דיר אַלענפאַלס דאַנקבאַר פאַר אויפ־
מערקזאַמקייט. אָבער וואָס עפּעס אין מיטן דערינען דער בוקעט?

וואַרמונד

צי דען ווייסטו ניט, וואָס פאַר אַ טאָג ס'איז הייַנט?

בערטע

א קוק טוענדיק אויף אים

מאָנטאָג...

וואַרמונד

ניין, וועלכע דאַטע?

בערטע

פארוואונדערט

דער צווייטער אויגוסט... טראַכט א ווײַלע אַך, יאָ!

וואַרמונד

צו באַרדענהאָלמען

הײַנט איז דער טאָג פון אונזער חתונה.

בערטע

שמייכלענדיק געצוואונגען

דאָס איז שוין אַזאַ אַלטע געשיכטע...

וואַרמונד

גייט צו צו איר און פרובט זי ארומצונעמען

פאַר מיר בלייבט זי אַן אייביק־נייע.

בערטע

אָפּקערנדיק זיך

לאָז אָפּ, איך בעט דיך... דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב ניט
ליב די צערטלעכקייטן.

ו אַ ר מ ו נ ד

אָפּגײענדיק

ניט שטענדיק איז אַזױ געװען. פּונקט מיט אַכט יאָר צוריק, בעת מיר זענען בײנאַכט געפאָרן אין אַ צוג קײן מינכען... די לבנה האָט אַרײנגעשײנט אין פענסטער פון װאַגאָן... מיר האָבן ניט געשלאָפן...

ב ע ר ט ע

זײ נישט, כ׳בעט דיך, אַזױ פּרעך!

ו אַ ר מ ו נ ד

נײן, נײן, באַרויק זיך... איך װעל דיר ניט פאַרשעמען.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

באַקוקט אין דער צײט דעם בוקעט

פראַכטפולע בלומען. װי הײסן זײ?

ב ע ר ט ע

היפּסאָפילן.

ו אַ ר מ ו נ ד

און אין טיראָל... דער אָװנט אין פאַסטוך־שטיבעלע... װען דו האָסט זיך צוגעהערט צום גלעקל, װאָס האָט זיך געהערט פון װײטן. װען דו װאָלסט געװאוסט, װי דו ביסט דאַמאָלס געװען סענטימענטאַל!...

ב ע ר ט ע

איך געדענק גאָר נישט.

ו אַ ר מ ו נ ד

דערצײל... דו פאַרשטעלסט זיך נאָר... אַזעלכע מינוטן פאַרגעסן זיך נישט.

ב ע ר ט ע

איך האָב נאָר געװאוסט אײן זאַך, אַז די גאַנצע צײט פון

דער רייזע, האָב איך שרעקלעך געבענקט נאָך דער מוטער.

וואַרמונד

אַ דאַנק, ס'איז מיר גוט צו הערן! צו באַרדענהאָלמען טייערער אַסעסער, פֿאָלגט מיין פריינדלעכע עצה: האָט ניט חתונה! גלויבט מיר, האָט ניט חתונה!

באַרדענהאָלם

אייער ביישפּיל שטימט ווייט ניט מיט אייער עצה. אָ, ווען איך וואָלט געווען זיכער, אַז איך וועל מאַכן אַזאַ אויסוואַל פּונקט ווי איר!...

וואַרמונד

יאָ, יאָ... פון דערווייטנס שיינט אַלץ גוט און פיין.

בערטע

דו האָסט אמת'ע גרינדלעכע סיבות צו קלאָגן זיך. ווייסטו, אויב דו נויטיקסט זיך אין פרייהייט, דאַן...

וואַרמונד

בראַוואָ! דו טרייבסט מיך דורך! אַן אויסגעצייכנטער יום-טוב איז היינט!

באַרדענהאָלם

גלויבט איר אין דאַטעס, ה' וואַרמונד?

וואַרמונד

אין אַנדערע.

באַרדענהאָלם

דאָס דריקט זיך אויס אין דעם בוקן זיך פאַר טערמינען און פאַר גראַציאָנס-טעג. דאָס איז אַ קרעמערישע נאַטור.

בערטע

אַ טבע פון פיליסטערן.

וואַרמונד

פיליסטער! סוחר! דאָס איז אַ פּראָסטע אויסטייטשונג אין פּראָזע

שילערס ווערטער: אַך, זאָל זי אייביק גרינען... ניין, איך מוז זאָגן.

בערטע

במטנדיק די טעמע פון שמועס

אַך, גיט אַ קוק, עמיצער שיסט ווידער וואַסער־פייגל... אַ סקאַנדאַל, ווי לאָזט מען דאָס!...

באַרדענהאָלם

צוגייענדיק צו איר

איר זייט אַ ביסל שטרענג. פאַרוואָס זאָלן זיך ניט פאַרווײַלן אַ ביסל מיט געיעג די אָרימע, פאַרמאַטערטע שטאָט־לייט, וואָס פאַרשטאַרקן דאָ זייערע צושרויפטע נערוון?

וואַרמונד

גייט אונטער צום בוקעט, גיט אַ פיר איבער אים מיט דער האַנט, נאָכדעם זעצט ער זיך אויף אַ שטול און ווײַקלט פאַנאַנדער אַ צייטונג, ווארפנדיק פון צײַט־צו־צייט בליקן אויף די רײדנדיקע.

בערטע

פוי, ווי דאָס איז גרויזאַם! און אייך איז ניט אַ רחמנות די אָרימע פייגל? זיי באַלעבן אַזוי דעם פייזאַזש, זיך טראָגנדיק איבער דער לופט אָדער שוועבנדיק איבער דער אויבערפלאַך פון ים. פאַרוואָס זאָל מען ניט לאָזן אָט די סימפּאַטישע פייגל פרייען זיך מיט זייער עקזיסטענץ.

באַרדענהאָלם

לאַכנדיק

אייער נאַיווער עגאָיזם איז זער ליב!

בערטע

עגאָיזם? אויב איך נעם אונטער מיין שוץ די אָרימע פייגל פון די אומבּרחמנות'דיקע חיות?

באַרדענהאָלם

פאַרשטייט זיך!... דאָס איז אומבאַוואוסטזיניקער עגאָיזם: איר

פֿאַרטײַדיקט די װאַסער־פֿײגל ניט דערפֿאַר, װײַל זײ פֿליִען מיט, נאָר װײַל איר ליבט זיך אַלײן. זײ פֿאַרשאַפֿן אײַך פֿאַרגעניגן. מיט צופֿרידנקײט קוקט איר זיך אײַן אױף זײער גראַציעזע פֿליערײ, אױף דידאָזיקע שײנע בלעקן אױפֿן פֿאָן און בלאַס־בלױען הימל און טונקל־בלױען ים.

ב ע ר ט ע

צי דען האָב איך קײן רעכט ניט אױף דעם?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

געװיס האָט איר. דער עגאָיזם בכלל איז גאָרנישט קײן אומערלעכקײט. לױט מײַן מײנונג, איז דער נאָרמאַלער עגאָיזם נאַטירלעך און באַגרינדעט. װאָרום דער צװעק פֿון אונזער לעבן — איז װי װײט מעגלעך אָנגענעמער אױסנוצן דאָס לעבן. אָבער איך בין ניט מסכים מיט אײַך אין דעם, אַז אַ יעגער האָט װײניקער פֿאַרגעניגן פֿון געיעג, װי איר פֿון דעם צוקוקן זיך צו די פֿליענדיקע װאַסער־פֿײגל.

ב ע ר ט ע

די װעלט איז דאָך באַשאַפֿן געװאָרן ניט נאָר פֿאַר יעגער אַלײן.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

אָבער אױך ניט פֿאַר אײַך אַלײן. אין דעם אײַנציקן פֿאַל שטעלט זיך אײן עגאָיזם אַנטקעגן דעם אַנדערן, און דער שטאַרקערער באַקומט דאָס איבער־רעכט.

ב ע ר ט ע

מנצח איז יענער, װער ס׳איז שטאַרקער.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

איז מנצח, אָדער האָט רעכט — דאָס איז אין דער אמת׳ן אַלצאײנס.

װ אַ ר מ ו נ ד

דערלױבט מיר צו זאָגן: בײ מיר איז אױף דעם פֿאַראַן אַן

אַנדער שטאַנדפונקט, ניט קיין פילאָזאָפישער, נאָר אַ פראַקטי־
שער, — און, לויט מיין מיינונג, איז דאָס געיעג אויף די
וואַסער־פייגל אַן אומשולדיקע הנאה.

באַרדענהאָלם

איראָניש

מסתמא דערפאַר, ווייל וואַסער־פייגל זענען ניט קיין נוצליכע
פייגל?

וואַרמונד

ניין, דערפאַר, ווייל די יעגער טרעפן קיינמאָל ניט אין זיי.

דריטע סצענע.

דיזעלבע, פרוי בורקהאַרד און ד״ר ביוטנער.

בורקהאַרד

הייזט זיך ביי דער טיר פון ווערענדע, עפענענדיק די אויף האַלב־אָנגעטון איז זי מיט אַן עלעגאַנטער אומאָרדנונג. אַ ברייטע, זיידענע בלוזקע פון רויטן קאָליר, אַ שיין־פאַרבונ־דענער בלויער האַלזטוך, אויף די קורץ־אָפגעשוירענע געקרייזטע האָר אַ סאַמעטענער בערעט.

מען קאָן אַריין?

בערטע

שטייט אויף און גייט איר אַנטקעגן

ביטע, פרוי בורקהאַרד, ביטע!

בורקהאַרד

אריינגייענדיק

גוטן טאָג! *ציט אויס צו גערטען די האַנט, וואַרמונד גריסט איר, ניט אויפ־שטייענדיק און לייגט ווייטער די צייטונג. אין דער אָפענער טיר פון ווערענדע באַווייזט זיך ביוטנער און גריסט זיך. באַרדענהאָלם ציט צו אים אויס די האַנט׳ נאָכדעם גייט ביוטנער צו צו וואַרמונדן, וועלכער שטרעקט אים אויס נאָר איין פינגער.*

ב ו ר ק ה אַ ר ד

צו בערטען

איך האָב געזען, ווי איר האָט היינט געמאַכט אַ שפּאַציר.

ב ע ר ט ע

יאָ, מיר זענען געווען אויפן סאַמע עק פון די דיונעס, און זענען שטארק פאַרמאַטערט געוואָרן. צו פּרוי בורקהארד איר האָט מסתמא זיך פאַרנומען אין דער צייט מיט עפּעס וויכטיקער פּראָזאַישעס?

ב ו ר ק ה אַ ר ד

יאָ, איך האָב אַביסל געאַרבעט.

ב ע ר ט ע

ווי גייט עס ביי אייך מיטן זונאונטערגאַנג? ער וועט מסתמא אַרויסקומען זייער אַ שיינער!

ב ו ר ק ה אַ ר ד

ס'גייט פּאָרויס... מיר איז געבליבן צו אַרבעטן נאָך אַ טאָג צוויי.

ב ע ר ט ע

פאַרוואָס זעצט איר זיך ניט?

ב ו ר ק ה אַ ר ד

איך דאַנק, איך דאַרף באַלד אַוועקגיין.

ב ע ר ט ע

זיצט אַ ווײַלע.

ב ו ר ק ה אַ ר ד

נו, אויב איר ווילט אַזוי... זעצט זיך, בערטע אויך

ב י ו ט נ ע ר

פאַראַן עפּעס אינטערעסאַנטעס אין די צייטונגען, ה' וואַרמונדו

וו אַ ר מ ו נ ד

קאַלט

ס׳איז נאָך אַ פראַגע, צי עס קאָן אונזביידן אינטערעסירן אײנס און דאָס זעלבע. ווילט איר ניט די צייטונג?...

ביוטנער

אָ ניין! איך דאַנק, איך בין צופרידן, וואָס איך האָב די מעגלעכקייט דאָ ניט צו לייענען קיין צייטונגען רעדט מיט באַרדענהאַלמען

בורקהאַרד

צו בערטען

צייט צו גיין באָדן זיך. איר ווילט, לאָמיר גיין צוזאַמען;

בערטע

ניין. הײנט וועל איך זיך ניט באָדן.

בורקהאַרד

אַ שאָד! הײנט וועט מיר אויסקומען אַליין פאָרצושטעלן אַ סירענע. דאָס איז זער לאַנגווײליק... ניין, איך וועל שוין קײנמאָל מער ניט פאָרן אין די דײטשע באַדע־ערטער. די נאַרישע צוטײלונג פון געשלעכטער... אָט אָסטענדע, טרוויל — דאָרט איז שוין גאָר אַן אַנדערע זאַך!

בערטע

מײן מאַן האָט ניט געוואָלט פאָרן אַהין מיט מיר.

בורקהאַרד

ער מוז אַפּנים מיט מער פאַרגעניגן אַלײן באַזוכן די דאָזיקע באַדע־ערטער...

וואַרמונד

איר האָט אַ טעות, מאַדאַם. צולאָזענקײט פאַרשאַפט מיר ניט קײן שום פאַרגעניגן.

בורקהאַרד

צולאָזנקײט? אויב דו אַנטשליסט זיך צו בלײבן מיט דײנע גוטע פרײנט אין וואַסער? דערפאַר, ווײל אַ פרוי רינגלט זיך אַרום מיט שטאַרקע און אויפמערקזאַמע באַשיצער? איר שווימט

דאָך אויסגעצייכנט, און צי דען באַדויערט איר נישט, וואָס איר קאָנט נישט באַגלייטן אייער פרוי אין וואַסער?

וואַרמונד

איך צווייפל, צי די באַזוכער פון אָסטענדע און טרוויל באַגלייטן אין וואַסער זייערע אייגענע ווייבער.

בורקהאַרד

מאָלט אייך, אַז ס׳איז אַזוי. און וואָס איז? מיר טאַנצן דאָך מיט פרעמדע מענער, און דערביי זענען מיר אין די באַל־קאָסטיומען נים ווייניקער דעקאָלטירט, ווי אין די באַדע־קאָסטיומען.

וואַרמונד

לויט אייער מיינונג דאַרף קאַמערן זיין אינטערעסאַנטער, ווי אָסטענדע און טרוויל.

בורקהאַרד

פאַרוואָס?

וואַרמונד

דערפאַר, ווייל דאָרט ביים באָדן זיך אין ים שעמען זיך די מענער און פרויען נאָך ווייניקער איינע פאר די אַנדערע און מען באָדט זיך אינגאַנצן אָן קאָסטיומען. דאָס איז מסתמא אייער אידעאַל?

בורקהאַרד

אין דעם פאַל האָט איר אַ גרויסן טעות. פאַר ווילדע פאַסט עס אפשר, אָבער ציוויליזירטע מענטשן זענען אַזוי העסלעך נאַקעטערהייט!

וואַרמונד

אָבער ווען זיי וואָלטן ניט געווען אַזוי העסלעך, וואָלט אייך קיין אַנדערע זאַך נישט געשטערט?

בורקהאַרד

דאַן מאַכט געוויס ניט אויס.

װאַרמונד

אויפהייבן זיך אַזוי הויך אין זין פון לייכטזיניקן קוק אויף דער זאַך, קאָן איך פּערזענלעך בשום אופן ניט און, זייט מיר מוחל פאַר מיין אָפּנהערציקייט: ביי אַנדערע קאָן איך דאָס אויך נישט שעצן.

בערטע

מיין מאַן איז אין אַזעלכע מיני זאַכן זער שטרענג.

װאַרמונד

און גאָט צו דאנקען!

בורקהאַרד

ניט דערלאָזט, טייערער װאַרמונד, צו באַפעלן איבער זיך. די מענער רעדן נאָר אזוי וועגן דעם. מענער און פרויען צוזאַמען אין וואסער!.. פוי! ווי דאָס איז ניט שיין... און ליגן גאַנצע טעג אויף די דיונעס און קוקן אויף אונז דורך בינאָקלען— דאָס איז גאָרנישט, דאָס מעג מען... דאָס שטימט גוט מיט זייער שטרענגער מאָראל!

װאַרמונד

וועגן מיר קאָן מען עס ניט זאָגן, ווייל איך...

בורקהאַרד

ניין, איך רעד עס בכלל, כדי אייך צו ווייזן, אַז דאָ איז אַ האָר ניט בעסער ווי אין אָסטענדע, אָדער טרוויל. דאָס אַלץ איז נאָר פאַרמאַסקירטקייט און צביעות, און איך האָב ליבער אָפנהערציקייט. אויפשטעלנדיק זיך אלזאָ, אויב איר וועט ניט גיין בערטע דריקט אויס מיט אַ זשעסט מיטגעפיל, וועט מיר אַליין אויסקומען אַוועקצוגיין אין דער געזעלשאַפט פון די כשר'ע מלאכים, צום ווידערזען! גייט אַוועק. ביוטנער, געזעגנדיק זיך, גייט נאָך איר.

פערטע סצענע.

װאַרמונד, בערטע און באַרדענהאָלם.

ו אַ ר מ ו נ ד

אָפֿנהערציקייט! זי איז פֿאַר אָפֿנהערציקייט. לויט מיין מיינונג איז דאָס — אומפֿאַרשעמטקייט!

ב ע ר ט ע

הייס

ווי קענסטו זיך אַזוי אויסדריקן!

ו אַ ר מ ו נ ד

אודאי וועסטו זיך שטעלן אויף דער זייט פֿון דער דאָזיקער פֿרוי... מיר אָבער איז זי עקלהאַפֿט!

ב ע ר ט ע

און דו דריקסט עס אויס גענוג אָפֿן. דו האַלסט זיך אין דער באַציונג צו דער דאָזיקער דאַמע ווי אַ נישט-ערצויגענער מענטש.

ו אַ ר מ ו נ ד

מילא, — אין לעצטן פֿאַל וועט זי ביי אונז מער נישט זיין. אָט אַן אומגליק!

ב ע ר ט ע

איך וועל עס זייער באַדויערן. זי איז זייער אַ שיינע, אַ קלוגע און אַ זער באַגאַבטע פערזאָן. איך רעכן מיין באַקאַנטשאַפֿט מיט איר פֿאַר אַן אוצר.

ו אַ ר מ ו נ ד

איך האָף, אַז צו דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפֿט וועט קומען אַ סוף, ווי נאָר מיר וועלן אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען.

ב ע ר ט ע

אפשר וועסטו מיר פֿאַרווערן צו פֿירן ווייטער מיט איר די באַקאַנטשאַפֿט?

ו אַ ר מ ו נ ד

ערנסט

דו ביסט נישט קיין קינד און איך קען דיר ניט פֿאַרווערן,

אָבער דו דאַרפסט אַליין פאַרשטיין, אַז די דאָזיקע דאַמע איז פאַר דיר נישט קיין פּאָר.

באַרדענהאָלם
אַנטשולדיקט, וואָס איך מיש זיך אַריין אין אייער שמועס...

וואַרמונד
ביטע! זאָגט אַליין...

באַרדענהאָלם
די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט האָט זיך פאַרבונדן אַ דאַנק מיר. אין דער אמתן, איר זייט צו שטרענג צו פרוי בורקהאַרד.

בערטע
ניט ערלעך און אַכזריותדיק!...

באַרדענהאָלם
לויט איר באַרוף איז זי אַ מאַלערין.

וואַרמונד
זי איז אויך אַ פרוי לויטן באַרוף, אָבער שלעכטן.

באַרדענהאָלם
גאָט מיינער, אָבער אַ קינסטלער קען מען מוחל זיין אין אַביסל מער לייכטזיניקער באַציונג צום לעבן.

וואַרמונד
המ... יאָ... אַזוי טענהן אַלע אויסגעלאַסענע פרויען, וואָס גרימפּלען און שמירן אַביסל.

באַרדענהאָלם
פרוי בורקהאַרד איז גאָרניט קיין דילעטאַנטין.

וואַרמונד
איך זאָג עס ניט. נאָר איך מיין, אַז אירע בילדער וועלן ניט ווערן בעסער אויב נאָר זי רויכערט, פירט נישט קיין אָנשטענדיקע געשפּרעכן און שלעפּט אומעטום נאָך זיך, וו...

אַ הונט, איר געליבטן.

באַרדענהאָלם

די קינסטלערישע טעטיקייט באַרעכטיקט דעם שוואונג פון געפיל און פאַנטאַזיע און פאַרפליכטעט איבערהויפט נישט צו זיין אַ כשרע מאַטראָנע.

וואַרמונד

אַזוי מיינט איר? און אויף וויפיל איך ווייס, איז די שיצערין פון מוזיק געווען אַ הייליקע, און אַנדערע פון די גרויסע קינסטלער אין דער עפּאָכע פון אויפלעבונג, — זייערע נעמען ווייס איך נישט, — זענען געווען מאָנאַכן.

באַרדענהאָלם

מאָראַל — דאָס איז אַ תּנאי־באַגריף. אין דער ווירקלעכקייט קוקט דער עולם גאַנץ לייכט אויף אַ מער הויך לעבן פון געפיל און אויף דער פאָרשטעלונגס־קראַפט פון קינסטלער. דער געזעץ־קאָדעקס וועגן מאָראַל האָט פאַר זיי אַ פּאַראַגראַף פון אויסנאַמען. דעריבער האָבן מיר אינגאַנצן ניט דאָס רעכט אָנצוווענדן צו זיי דאָס וואָרט „אוממאָראַליש” אַזוי ווי צו אַלע אַנדערע.

בערטע

פרוי בורקהאַרד פירט באַקאַנטשאַפט מיט די בעסטע הייזער.

וואַרמונד

יאָ, מיט מענטשן, וועלכע זענען גרייט צו בוקן זיך פאַר אַ שינדער, ער זאָל נאָר זיין אין דער מאָדע.

בערטע

פאַר אַ שינדער!... ניין, דאָס איז דאָך שוין פשוט סקאַנדאַ־ליעז! אַזאַ געניאַלע קינסטלערין...

וואַרמונד

לויט מיין מיינונג מעג זי אַפילו זיין ראַפאַעל אין אַ קלייד,—

האַלט איך זיך ביי דעם, אַז זי האָט ניט קיין שום רעכט צו שטערן אָפּן די געזעלשאַפטלעכע אָנשטענדיקייט.

ב ע ר ט ע

אָפּן! אָט דאָס איז דאָך דאָס! אויף דעם האָט זי דיר פריער געענטפערט. איר פאַרלאַנגט צביעות, און איר שולד איז אין דעם, וואָס זי איז ניט קיין צבועק.

וו אַ ר מ ו נ ד

פאַרשטייט זיך, אין דעם איז איר שולד, און אַגב א שווערע שולד. איר שמוציקע היסטאָריע מיטן דאָקטאָר ביוטנער איז נוגע נאָר איר און אירע נאָנטע. מיך קימערט זי ווייניק, אַזוי לאַנג, ביז וואַנען זי באַהאַלט איר ווי עס געהער צו זיין. אָבער ווי נאָר זי הייבט־אָן אַלעמען צו דערציילן די דאָזיקע שמוציקע געשיכטע, קען איך זיך צו דעם ניט באַציען גלייכ־גילטיק. דערמיט ברענגט זי שאָדן מיר פערזענלעך, דערפאַר וויילן, דינענדיק אַלסביישפּיל פאַר מיין פרוי, גיט זי דער לעצטער אַ פאַרקערטן באַגריף וועגן מאָראַל.

ב ע ר ט ע

פאַר דעם האָסטו ניט וואָס מורא צו האָבן. איך ווייס אויס־געצייכנט, וואָס איך האָב צו קלערן וועגן פרוי בורקהאַרד.

וו אַ ר מ ו נ ד

אַזוי גאָר! וואָס, למשל?

ב ע ר ט ע

רעגנדיק זיך

איך האַלט איר פאַר אַ מוטיקע פרוי. זי ליבט אַ מענטשן, און עס קלעקט ביי איר מוט אויף דעם, כדי זיך מודה צו זיין אין איר ליבע. זי האָט זיך אויך געקענט צודעקן מיט אַ מאַסקע פון טוגענד, ווי אַלע אַנדערע וועלטלעכע פרויען, וועמענס שמוציקע ראָמאַנען, ווי דו האָסט זיך פריער אויסגע־דריקט, זענען דיר גאָרניט נוגע. נאָר זי פאַרהאַסט עס, זי

שטייט העכער פאַר דעם, צו שפּילן צוליב אַנדערס פאַרגע־
ניגן אַזאַ קאָמעדיע.

ו אַ ר מ ו נ ד

בערטע, דו פאַרגעכט, אַז זי האָט שוין אַ מאַן.

ב ע ר ט ע

איך געדענק עס אויסגעצייכנט, איר מאַן איז עקלהאַפט: אַ באַ־
רישער פיליסטער, וואָס פאַרשטייט ניט די דאָזיקע פרוי!

ו אַ ר מ ו נ ד

ס'איז, אייגנטלעך גערעט, ניט שווער צו פאַרשטיין, צו וואָס
עס רייסט זיך די דאָזיקע פרוי!

ב ע ר ט ע

ניין, זי וויל באַקומען איר טייל פריידן פון לעבן. זי וויל
גליק און ליבע. דאָס איז דאָס ערשטע און סאַמע הייליקע
רעכט פון יעדן וועזן.

ו אַ ר מ ו נ ד

ה' אַסעסער, וואָס קענט איר קלערן, הערנדיק וואָס עס רעט
מיין פרוי?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

איך קלער, אַז אייער פרוי גיט זיך אונטער איר גאַטירלעכער
גרויסמוטיקייט און, געוויס, פאַרטיידיקט זי אַביסל הייסער פרוי
בורקהאַרד, איידער...

ב ע ר ט ע

וואָס רעט איר, ה' אסעסער, — צי דען שטימט איר ניט איין
מיט מיין מיינונג?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

יאָ, דאָס הייסט...

ו אַ ר מ ו נ ד

אַ! אָט דאָס איז אינטערעסאַנט...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

די זאַך באַשטייט אין דעם. וואָס פֿרוי בורקהאַרד קען אין דער אמתן זיין אַביסל ניט טאַקטיש. זי האָט זיך באַדאַרפֿט רעכענען מיט די איינגעשטעלטע טראַדיציעס.

ב ע ר ט ע

פֿאַרשטייט זיך, געוויס, באַהאַלטן זיך, פֿראַוון צביעות, לייגן...

וו אַ ר מ ו נ ד

אין דעם פֿאַל באַהאַלטן זיך איז, לויט מיין מיינונג, ווייניקער פֿון אַלץ פֿאַרברעכעריש.

ב ע ר ט ע

בראַוואָ! אָט איז זי — די אויסגאַבע פֿון אייער פֿיליסטערישער מאָראַל אין אַ טאַשן־פֿאָרמאַט.

וו אַ ר מ ו נ ד

איך וואָלט געוואָלט וויסן דיין מאָראַל.

ב ע ר ט ע

איך באַהאַלט זי ניט: די באַדערפֿעניש פֿון הארצן איז די סאַמע וויכטיקסטע באַדערפֿעניש.

וו אַ ר מ ו נ ד

און די עשרת הדברות?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

זיי זענען שוין פֿאַרעלטערט געוואָרן און נישט fin de siecle.

ב ע ר ט ע

פֿרוי בורקהאַרד האָט ליב דעם דאָקטאָר ביוטנער.

וו אַ ר מ ו נ ד

דאַן זאָל זי זיך גטן מיט איר מאַן און חתונה האָבן מיט ביוטנערן. דערויף איז פֿאַראַן אַ געזעץ וועגן גט.

ב ע ר ט ע

ס׳קען זיין, דער מאַן קען זיך פֿון איר ניט אָפּזאָגן. עס קען

זיין, אַז ער איז אויף אַלץ מרוצה, אַבי זי זאָל אים נאָר ניט אַוועקוואַרפן און פון רחמנות־וועגן בלייבט זי ביי אים.

באַרדענהאָלם
דאָס טרעפט.

וואַרמונד.
אָפטער פון אַלץ טרעפט, אַז דער אָרימער מאַן פילט אַ בלינדן צוטרוי צו זיין פרוי און זי נאַרט אים נידערטרעכטיק אָפ. מיט איין וואָרט — איך שפיי אויף פרוי בורקהאַרד מיט דאָקטאָר ביוטנערן אינאיינעם. מיר איז נאָר אַ שאָד, וואָס דו רעדסט וועגן די רעכט פון אַזאַ געמיינער פערזענלעכקייט. אויב אַ פרוי האָט אַ מאַן און קינדער, דאַן האָט זי שוין ניט קיין שום רעכט, אויסער די פליכט צו זיין אַן אָנשטענדיקע.

בערטע
דאָס איז מוראדיק! איז נאָך דיר קומט אויס, אַז אַ פרוי, וואָס האָט געהאַט דאָס אומגליק חתונה צו האָבן...

וואַרמונד
מסתמא האָט זי צו פלייסיק געזוכט דעמדאָזיקן אומגליק...

בערטע
דאַרף אויפהערן צו זיין אַ דענקענד און פילבאַר וועזן... זי דאַרף מער ניט האָבן ניט קיין האַרץ, ניט קיין זין, ניט קיין אויגן... זי דאַרף ווערן אַ זאַך...

וואַרמונד
גענוג! לאָמיר אויפהערן וועגן דעם צו רעדן פאַר די קינדער אין די אויגן...

פינפטע סצענע.

דיזעלבע, בעטסי, לואיזע און די גוווערנאַנטין.

בעטסי און לואיזע גייען ארײַן אין דער רעכטער טיר, בײַ וועלכער די גייוערנאַנטין בלייבט שטיין. לואיזע גייט אונטער צו באַרדענהאָלמען; ער נעמט זי אויפֿן שויס און צערטלט זי.

ב ע ט ס י

צו בערטען

מאַמאַ, מיר מעגן גיין קליבן מושעלן?

ב ע ר ט ע

איר מעגט, קינדעלע קושט זי

ב ע ט ס י

גייט אוועק, בלייבט שטיין אין מיטן וועראַנדע

און באָרוויס מעגן מיר גיין?

ב ע ר ט ע

איר מעגט.

ב ע ט ס י

פּאַטשט לוסטיק מיט די הענט, לויפֿט צום שטול, זעצט זיך אויף אים און קלייבט זיך אויסטאָן די שיך.

ב ע ר ט ע

גאָר ניט דאָ. פֿוי, ווי ניט שיין! קומט, איך וועל אייך אויס-טאָן די שיך און זאָקן גייט אוועק מיט די קינדער אין דער רעכטער טיר.

זעקסטע סצענע.

וואַרמונד און באַרדענהאָלם.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

זעלטן-שיינע קינדער.

ו אַ ר מ ו נ ד

יאָ. אַזעלכע צוויי שייניקע פּנימלעך אין שטוב, — איז שוין

דער ציל פֿון לעבן קלאָר.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

הייסט עס, אַז מען דאַרף פֿונדעסטוועגן חתונה האָבן?

וו אַ ר מ ו נ ד

געוויס... אויב מען וויל האָבן קינדער... נאָר מען דאַרף גוט מודה זיין איינס: אויב עס זענען שוין פֿאַראַן קינדער, דאַרף מען פֿאַר זיי אַלץ ברענגען פֿאַר אַ קרבן: די אייגענליבע, די אייגענע פֿרייהייט, די אייגענע געוואוינהייטן — אַלץ, און זייער וואוילשטאַנד רעכענען אַלס געשאַנק פֿאַר אַלע די דאָזיקע קרבנות. ווען מען דאָס קאָן ניט באַפֿרידיקן, יענער האָט ניט קיין רעכט צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט.

זיבעטע סצענע.

דיזועלבע, בערטע, די קינדער און די גובערנאַנטין.

בערטע קומט ווידער אריין מיט האנט-ארבעט, נאָך איר — די קינדער, בארוויס. זיי לויפֿן פֿריילעך איבער דער וועראנדע צו דער מיטלסטער טיר. די גובערנאנטין גייט זיי נאָך.

ב ע ר ט ע

שרייט זיי נאָך

גייט נאָר ניט אין וואַסער. שפּילט זיך אויפֿן זאמד און אייננ אַ זייגער קערט זיך אום אַהיים גייט צוריק צו איר שטול.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

קוקט נאָך די קינדער.

וו אַ ר מ ו נ ד

מען האָט ניט געדאַרפֿט לאָזן די קינדער אַליין.

ב ע ר ט ע

מיט זיי איז די גובערנאַנטין.

ו אַ ר מ ו נ ד

זי איז אַבּיסל אומגעשיקט. דו דאַרפסט זיך אויף איר ניט פאַרלאָזן.

ב ע ר ט ע

אַזוי גאָר! דו ווילסט מיך איצט לערנען מיינע מוטער-פליכטן.

ו אַ ר מ ו נ ד

נאָך א קלײנער פּויזע

ווייסט, ס'איז מיר זער אַ שאָד, וואָס דיין מוטער קומט ניט צופאָרן.

ב ע ר ט ע

וואָס עפּעס מיטאַמאָל?

ו אַ ר מ ו נ ד

יאָ, זי וואָלט דיך אפשר אַריינגעבראַכט אין אַ בעסערע שטימונג.

ב ע ר ט ע

ווער איז שולדיק אין דעם, וואָס איך בין אין אַ שלעכטער שטימונג?

ו אַ ר מ ו נ ד

נו, גוט! שטייט אויף, גייט אונטער צו בּאַרדענהאָלמען און אין דערזעלבער צייט קוקט ער נאָך די קינדער. נאָך א שווייגן. פונדעסטוועגן בין איך אומרויק. איך וועל אַליין אַכטונג געבן אויף זיי.

ב ע ר ט ע

ווי דו ווילסט.

ו אַ ר מ ו נ ד

נעמט דעם הוט און שירם. אויפגעקיענדיק, קלאַפּט ער בּאַרדענהאָלמען איבער דער פּלייצע

נו, האָט חתונה, ה' אַסעסאָר!... איך ווינש אייך, האָט ניט חתונה! אָפּ.

אַכטע סצענע.

באַרדענהאָלם און בערטע.

באַרדענהאָלם

זייט ניט אומרוּיִק, טייערער ה׳ וואַרמונד! קוקט אים א געוויסער
צייט נאָך, נאָכדעם רוקט ער צו זיין שטול צו בערטען, וועלכע האָט אָנגעהויבּן
צו העפטן, און זעצט זיך. נאָך א קליינער פּויזע, אין וועלכער ער קוקט אויף איר
איר האָט איינגעלאַדן אייער מוטער צו קומען אַהער?

בערטע

ניט קוקנדיק אויף אים
יאָ.

באַרדענהאָלם

איר זייט אַ שלעכטער מענטש! דאַמאָלס וועט דאָך אונז זיין
אוממעגלעך אויף איין מינוט צו בלייבן אַליין.

בערטע

טאַקי דערפאַר.

באַרדענהאָלם

פאַרוואָס נעמט איר צו דידאָזיקע קורצע רגעס פון גליק?

בערטע

איך האָב מורא.

באַרדענהאָלם

איר שרעקט זיך? פאַר מיר?

בערטע

איך האָב מורא פאַר אייך, איך שרעק זיך פאַר מיר...

באַרדענהאָלם

צי דען האָט איר געטון עפּעס פאַרברעכערישעס?

ב ע ר ט ע

ניין, ניט דאָס...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

צי דען שטערט עס עמיצן, אויב איך זיץ אַמאָל אויפֿן זאַמד ביי אייערע פֿיס און לייען אייך, אָדער אויב איך שפּאַציר מיט אייך אין אָוונט איבער די דיונעס און מיר קוויקן זיך מיטן ים, וואָס איז באַלויכטן מיט לבֿנה־שיין, און איך שפּיר אין מיין האַנט די וואַרימקייט פֿון אייער האַנט? צי דען איז עס ניט אַנגענעם?

ב ע ר ט ע

צו אַנגענעם, אָבער אויך צו געפֿערלעך. אַ קורץ שווייגן איך האָב זיך עטלעכע מאָל געקליבן אייך זאָגן: באַרדענהאָלם, פֿאָרט אַוועק פֿון הערינגסדאָרף. ביי מיר קלעקט אַמאָל ניט קיין כּחות דאָס צו פֿאָדערן פֿון אייך. אין דערפֿרי, ווען איך שטיי אויף, איידער איך זע אייך נאָך... נאָכדעם קומט איר, רעדט מיט מיר, און איך אַנטשליס זיך ניט. באַרדענהאָלם! איר דאַרפֿט עס טון מיט גוטן ווילן... איר דאַרפֿט זיך דערבאַרעמען אויף מיר...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

און איר האָט רחמנות אויף מיר? איך האָב אייך ליב, בערטע

רוקט זיך צו צו איר און נעמט איר האַנט.

ב ע ר ט ע

רייסט שנעל אוועק די האַנט

זעצט זיך אַ ביסל ווייטער *באַרדענהאָלם רוקט זיך אָפּ מיט אַ זיפֿץ*

איר דאַרפֿט עס מיר ניט זאָגן, באַרדענהאָלם.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

איר האָט דאָך אַליין ערשט נאָר־וואָס זיך הייס אָנגענומען פֿאַר דאָס רעכט פֿון יעדן ווען אויף גליק און ליבע. איר זענט געווען אַזוי פֿיין, אַזוי שיין! איך בין גרייט געווען צו

פֿאַלן פֿאַר אײַך אויף די קני און קושן אײַערע פֿיס...

באַרטע

ווען איך רעד וועגן דעם, דאַן באַמי איך זיך, זיך אַליין אין דעם איבערצוצייגן. נאָר דאָס גיט זיך מיר ניט אײַן אַזוי לײַכט.

באַרדענהאָלם

צי דען קענט איר זיך רעכענען מיט די פֿאָראורטײלען, איר, וועלכע דענקט אַזוי אומאָפּהענגיק, וועלכע אורטײלט אַזוי זעלבסט־שטענדיק? איר אומאָפּהענגיקע און ברייטע נאַטור?

באַרטע

פֿאָראורטײלען... איך מיין, אַז איך קאָן זיך פֿון זיי באַפֿרײַען. די זאַך באַשטייט ניט אין דעם.

באַרדענהאָלם

אויב ניט אין דעם, טאָ אין וואָס־זשע?

באַרטע

באַרדענהאָלם, איך קען ניט לייגן איך קען זיך ניט מאַכן. איך קען קיין זאַך ניט מאַכן אין געהיים און באַהאַלטן פֿון אַנדערע.

באַרדענהאָלם

דאָס איז אײַער טײַערסטער שטריך. נאָר מיט אים טאָר מען ניט מיסברויכן. מיר לעבן אין אַ געזעלשאַפֿט פֿון געמיינע פֿיליסטערן און צבֿועקעס. אויב מיר וועלן שטערן אירע פֿאָראורטײלן, וועט זי אונז צודריקן. זי איז פֿיל שטאַרקער פֿון אונז. צום ערליכן קאַמף מיט דער דאָזיקער טויזנט־אויגיקער, טויזנט־צונגיקער אומגעזעטיקטער חיה געפֿינט זיך אין אונזער רשות איין איינציק געווער: פֿאַרשטאַנד און פֿאָרזיכטיקייט. א קורץ שווייגן איר זײַט נאָך צו איר ניט גענוג געוואוינט געוואָרן, און איר זײַט אומגערעכט. אויב איר וועט מיר ערלויבן, וועל איך אײַך באַמערקן, אַז איר

זייט אַמאָל צו שאַרף אין דער באַציִונג צו וואַרמונדן. דאָס דאַרף איִם סוף־כּל־סוף ווערן קשה׳דיק.

בערטע

מיר אַליין איז שטענדיק נאָכדעם ניט אָנגענעם, נאָר וואָס ווילט איר... דאָס איז אויסער מיין ווילן! אָבער דידאָזיקע נאַרישע, מיט זיך אַליין צופרידענע רויקייט, דער דאָזיקער ניט־ווערלן זען, אַז איך לייד, קעמף, אַז איך וואַקל – דאָס קען אַרויספירן פון געדולד... אַמאָל גלוסט זיך מיר אַ געשריי טון און זאָגן אים אין די אויגן: צי דען ביסטו בלינד אָדער טויב? צי דען זעסטו ניט, אַז דו פאַרלירסט מיך? פאַרוואָס נעמסטו ניט אָן קיין מיטלען?

באַרדענהאָלם

ער פילט צו אייך צוטרוי.

בערטע

איך בין אים גאָרניט דאַנקבאַר דערפאַר. אַזאַ צוטרוי איז באַליידיגענדיק! איך בין ניט אַלט, איך בין ניט ערגער פוּן אַנדערע.

באַרדענהאָלם

צורוקנדיק זיך

איִר זייט פּרעכטיק...

בערטע

זעצט זיך אַ ביסל ווייטער... ער האָט באַדאַרפט וויסן, אַז אויך איך קען זיך אונטערגעבן אַ נסיון... נאָר ער באַמרויקט זיך גאָר ניט וועגן דעם, ער איז אַזוי זיכער אין זיך, אַזוי איינגעליבט אין זיך, אַז ס׳איז פּשוט אומערהערט.

באַרדענהאָלם

אָבער אַזוי איז דאָך באַקוועם! ער האָט מיך אַליין איינגעלאַדן צו פאַרברענגען דאָ מיט אייך דעם זומער.

בערטע

באַקוועם! באַקוועם! איך שאַץ גאָר ניט אָפּ די דאָזיקע באַ־

קוועמלעכקייט... און איר, באַרדענהאָלם?

באַרדענהאָלם:
מיין גאָט, אַלץ האָט איר גוטע און שלעכטע זייט. פון איין זייט וואָלט מיר געווען אָנגענעמער, ווען ער וואָלט מיר ניט געטרויט און וואָלט געווען צו מיר גראָב... דאַן וואָלט איך זיך געקענט אַנטקעגנשטעלן און קעמפן מיט אים... דאָס וואָלט געווען מער ריטערלעך... מיין פּאָזיציע וואָלט דאַן געווען אַ סך באַקוועמער... נאָר פאַר אייך, פאַר אייער רויקייט איז דאָך בעסער אַזוי, ווי עס איז.

בערטע:
פאַר מיין רויקייט! צי דען מיינט איר, אַז איך קאָן בלייבן רויק ביים באַוואוסטזיין, אַז איך נאַר עמיצן אָפּ? צי דען וואָלט איר געבליבן אַ רויקער מיט אַזאַ באַוואוסטזיין? וואָלט איר זיך אַנטשלאָסן אויסצושטרעקן מיין מאַן די האַנט, ווען נאָר?... שטאַמלט

באַרדענהאָלם:
איך האָב אייך ליב, בערטע, און אויף קיין אַנדערע זאַך לייג איך ניט קיין אַכט. אָט דאָס איז עס דער קאַמף פאַר אַ פרוי... ער קומט פאָר אַפילו צווישן ברידער. ליבע איז שטאַרקער פון יעדער פריינטשאַפט. יאָ, סוף-כל-סוף, וואָס האָב איך דאָ אַריינצוטראַכטן? איך נעם קיין זאַך ניט צו ביי אייער מאַן. ער האָט זיך באַנוצט מיט די בעסטע יאָרן פון אייער לעבן, מיט אייער פרישער יוגנט און אומשולד.

בערטע:
אָך, באַרדענהאָלם, דערמאָנט מיך ניט וועגן דעם!

באַרדענהאָלם:
ער האָט קינדער, וועלכע זענען פאַר אים אַלץ, וועלכע וועלן אים באַפרידיקן פאַר אַלץ. ער האָט מיר באַר-וואָס וועגן דעם געזאָגט. איבער אייער האַרץ אָבער, איבער אייער נשמה האָט ער קיינמאָל ניט געהערשט?

בערטע

קיינמאָל ניט, באַרדענהאָלם, איך שווער אייך דערויף! איינע־ווייניק אין זיך האָב איך שטענדיק געשפּירט עפּעס אַ פּוסטקייט... איך האָב זיך אַלעמען אויסגעוויזן פאַר אַ גליקלעכע דערפאַר, ווייל איך האָב געלעבט אין גרויס קאָמפאָרט, כ׳האָב זיך שיין אָנגעטון, האָב געהאַט אַן אָפן הויז, בין געפאָרן אין קור־אָרטן. אונזער פאַמיליען־לעבן האָט מען גערעכנט פאַר אַ מוסטערהאַפטעס... און איך האָב זיך די גאַנצע צייט געפילט אַזוי, גלייך ווי איך בלאָנדזשע איינע אַליין אין פינסטערניש, אָן אַ באַגלייטער, אָן אַ שטעגעלע, אָן אַ ציל. אין מיר האָט געלעבט אַן אומבאַפרידיגונג, וואָס האָט מיך קיינמאָל ניט אָפּגעלאָזט. די גאַנצע צייט האָב איך אַלץ נאָך עפּעס געבענקט, מיר האָט עפּעס געפעלט, נאָר וואָס — דאָס בין איך ניט דערגאַנגען. איצט ווייס איך עס אויסגעצייכנט. שטילער איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט טאַקי אין יענעם אָוונט, ווען מען האָט מיר צום ערשטן מאָל אייך פאָרגעשטעלט.

באַרדענהאָלם

אָ, בערטע, און פונדעסטוועגן...?

בערטע

איך טאָר ניט. אַך, ווען איך וואָלט געווען פריי! די מוטערס ווייסן ניט, וואָס זיי טוען, ווען זיי מאַכן חתונה זייערע טעכ־טער מיט אַבי־וועמען, אַבי צו מאַכן זיי פאַר לייט. ווען עס קומט אָבער דער אמת׳ער, דאַן איז שוין שפּעט...

באַרדענהאָלם

דאָס וועסטו שוין ניט ענדערן. לאָמיר נעמען פון לעבן ווייניק־סטנס דאָס, וואָס מיר קענען (רוקט זיך צו נענטער, כאַפּט איר האַנט און קושט לייד.שאַפטלעך. זי נעמט זי צו.

בערטע

לאָמיר נעמען, וואָס מיר קענען נעמען. יאָ, יאָ... איין רגע גליק!... און נאָכדעם וואָס?

ר ד ע נ ה אָ ל ם

וואָס נאָכדעם? מיר קענען זיך שטענדיק באַנוצן מיט דעמדאָזיקן גליק, און די ערינערונג וועגן דעם וועט פאַרבלייבן אויף אייביק.

ב ע ר ט ע

ס'איז ניטאָ קיין גרעסער אומגליק, ווי דערמאָנען זיך אָן פאַרגאַנגענעם גליק.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דאָס איז אַ פּאַראַדאָקס, וועלכן דאַנטע האָט אַריינגעפירט אין דער מאָדע. דאָס איז לחלוטין ניט ריכטיק. אַ ליכטיק־שטראַליקע ערינערונג באַלייכט דאָס גאַנצע לעבן.

ב ע ר ט ע

צי דען וואָלט אייך באַפרידיקט אַ ליכטיק־שטראַליקע ערינערונג?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

זי דאַרף מיך באַפרידיקן, אויב נאָר איך קען מער גאָר ניט האָבן.

ב ע ר ט ע

פאַר מיר וואָלט עס געווען קנאַפּ, און דעריבער מיט אַ בעטנדיקן טאָן לאָזט מיך אָפּ, באַרדענהאָלם! ס'וועט זיין בעסער סיי פאַר אייך, סיי פאַר מיר. עס זענען דאָך פאַראַן פיל מיידלעך, וועלכע זענען פריי, וועלכע איר קענט ליב האָבן, ווענמען איר קענט באַגליקן, — פאַרוואָס־זשע האָט איר אָפּגעשטעלט אייער אויסוואַל אויף מיר, וועלכע...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דערפאַר, ווייל איך האָב אייך ליב און ניט קיין אַנדערע...

ב ע ר ט ע

אויף לאַנג?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

אויף אייביק!

ב ע ר ט ע

געוויס, וועט איר עס זאָגן. און נאָך דעם... איר וועט האָבן מיט איין טריומף מער, און מיר, וועט זיך אָפּשטעלן איין פֿאַרצווייפלונג. ניין, ניין!

באַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

איר זענט גרויזאַם, אומברחמנותדיק!...

ב ע ר ט ע

גרויזאַם! און דאָס איז דערפֿאַר, ווייל איך זאָג זיך אָפּ פון גליק, אַבי אָפּצוהיטן די רויקייט? ווייך באַרדענהאָלם! פֿאַרוואָס פֿאָדערט איר אוממעגלעכעס? פֿאַרוואָס ווילט איר ניט פֿאַר־בלייבן מיין פריינט, ווי איר זענט געווען ביז איצט. באַרדענהאָלם, ענטוישט, רוקט זיך אביסל אָפּ וואָס קען זיין בעסער ווי ריינע, אומבאַפלעקטע באַציונגען? איך וואָלט מרוצה געווען צו זיין אייער איבערגעבענסטער פריינט, אייער דאַנקבאַרע שילערין. איר מאַכט ברייטער מיין בליק... איר אַנטוויקלט מיינע באַגריפן... איר לערנט מיך צו פֿארשטיין דאָס שיינע. באַרדענהאָלם, איך האָב געפילט דאָס אמתע גליק דאַמאָלס, ווען איר האָט מיר עפּעס געלייענט, קלאָר געמאַכט, און בעת מיר האָבן צוזאַמען באַזוכט דעם אַלטן מוזעאום און איך האָב זיך געלערנט צו פֿאַרשטיין מיט אייערע אויגן אַלעס שיינעס, וואָס איז אויף שטענדיק פֿאַרבאָרגן פֿון די באַגרענעצטע פֿיליסטערס. נאָך די דאָזיקע שעהן האָב איך אין קיין זאַך ניט געפֿונען אינטערעסאַנטעס. פֿאַרוואָס זאָל עס אַזוי ווייטער ניט זיין?

באַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

פרעגט אייער האַרץ, אייער אייגענע נשמה, צי דאָס איז מעג־לעך? פרובט זיך ניט גיין אַנטקעגן דעם סאַמע שטאַרקן געזעץ פֿון דער נאַטור: ער איז אומענדלעך שטאַרקער פון אייער שוואַכן ווילן.

ב ע ר ט ע

אָבער אַזוי קען ווייטער ניט דויערן! איך קען דאָך אייך ניט

געהערן! אַך, ווען איך וואָלט אייך געקענט פֿריִער, ווען איך בין נאָך געווען פֿריי, אָדער קיינמאָל ניט! איך שטיי העכער פֿון דעם פּוסטן באַגער, און עפּוואָס מער פֿאַר אייך קען איך ניט זיין.

באַרדענהאָלם

באַגער, בערטע! וואָס פֿאַר אַ באַוויַיז, אַז איך האָב אייך ליב, ווילט איר? וואָס זאָל איך טון, כּדי אייך איבערצייגן? פֿאַרלאַנגט איר מיין לעבן? צי דען בין איך שולדיק אין דעם, וואָס איר זייט ניט פֿריי. דאָס ברענגט דאָך מיך אַריין אין פֿאַרצווייפֿלונג *בערטע ווישט בגנבה די אויגן* דאָס פֿאַרפֿאָלגט מיך טאָג און נאַכט. איך זוך אין פּאָעזיע אַ באַרויִקונג פֿאַר מיין האַרצן, נאָר דאָס גיט זיך מיר ניט איין.

בערטע

קוק טוענדיק אויף אים, אויפֿגעלעבט

אַך, איר האָט אויפֿסניי אָנגעשריבן לידער? ביטע, באַרדענהאָלם, ביטע!

באַרדענהאָלם

נעמט אַרויס פֿון בוזים-טאַש אַ בויגן פּאַפּיר, לייענט איינפֿאַך, נאָר אַ טיף אויפֿגערעגטער

„איך וואָלט גערן געלייגט פֿאַר דיר מיין קאָפּ, נאָר צי האָב איך רעכט דערויף? איך דאַרף יעדעס מאָל דערשטיקן די שטים, ווען איך רוף דיך אָןביים נאָמען. איך וואָלט גרייט געווען אויסצושרייען פֿריי און אָפֿן: „צו מיר! זיי מיינע!“ נאָר דיין שיין פּנימל ענטפֿערט מיר: „ניין“! איך וואָלט, מיין אוצר, גערן געטיילט מיט דיר מיין ברויט. ווי גליקלעך וואָלט איך געווען אָנעקצוגעבן דיר אין נויט די אַרבעט פֿון מיינע הענט. נאָר עס ברענגען מיך אין פֿאַרלעגנהייט דיינע און דיינע קינדערס אויגן, וועלכע קוקן אויף מיר מיט אַן אומעט. וואָס זשע בלייבט מיר צו טון? ליבן דיך פֿון דערווייטנס איז אויך אַזוי האָפֿנונגסלאָז, ווי ליבן די ווייטע שטערן. קלערן וועגן דיר, מיין טייערסטע, און, צופֿאַלנדיק צו דיינע פֿיס, רופֿן: „שפּעט! שפּעט!“

ב ע ר ט ע

טרויעריק

יאָ, שפּעט, שפּעט... אַך, אָטאָ, אָטאָ!

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

שפּרינגט אויף און וויל זי אַרומנעמען

ב ע ר ט ע

שטייט אויף שנעל און גייט אָפּ אויף ‚טליכע טריט

אום גאָטעס ווילען! מיר זענען אין אַ גלעזערנער גאַלעריי...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

לאָזט זיך אַראָפּ אויפן שטול, שווער אָפּויפּצנדיק

צום באַדויערן!

ב ע ר ט ע

צוטוליענדיק זיך מיטן שטערן צו דער גלעזערנער וואַנט

צום גליק!

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אַקט.

אַ זאַל בײַ פֿרוי פרידאָרף. קליינבירגערליך מעבלירט. מעבל אַרומגעשלאָגן מיט ריפּס, בלומען, אַ שטייגל מיט קאַנאַריקעס. די טיר איז רעכטס און אין דער טיף פֿון דער בינע. לינקס צוויי פענסטער.

ערשטע סצענע.

פרוי פרידאָרף און לענע.

פֿרוי פֿרידאָרף

זיצט בײַם פֿענסטער און שטריקט. לענע שטייט פֿאַר איר

לענע

נעמט אַרויס פֿון קאָרב, וואָס שטייט אויף דער פּאָדלאָגע, אַ גרויסן פֿיש. רעדט מיט אַ לשון פֿון אַ הענדלערן

גיט נאָר אַ קוק אויף דעם דאָזיקן סענדאַק! גיט קיין שלעכטער דאָך, מאַדאַם? אמת, אַ גוטער?

פֿרידאָרף

יאָ, לענע, זער אַ גוטער.

לענע

מען קען אים דרייסט דערלאַנגען כאָטש צום קייזערליכן טיש. און אײַנגאַנצען קאָסט ער נאָר צוויי מאַרק! ווייסט איר, מאַדאַם, וויפֿיל ס'האָט אַ בײַט געטון פֿאַר אים די הענדלערן?

פֿרידאָרף

נו?

לענע

אַ גאַנצן טאָלער! וואָס? — זאָג איך — פֿאַר אַ סענדאַק אַ טאָלער? ער איז עפּעס אַ זעלטענהייט, וואָס? יאָ, זאָגט זי, אַ זעלטענהייט. איך האָב איר פֿאָרגעלייגט 10 גילדן. האָט זי זיך אָנגעהויבן צו זידלען. האָב איך איר נאָך בעסער אויסגעזידלט, און סוף־כּל־סוף האָט זי מיר אים אָפּגעלאָזן פֿאַר צוויי מאַרק. איז עס נישט צו רימען, מאַדאַם?

פּרידאָרף

זער, לענע.

לענע

קיינער וועט ניט קענען אַזוי קויפֿן, ווי איך. ניט אמת, מאַדאַם?

פּרידאָרף

דאָס איז אמת.

לענע

אַרויסנעמענדיק פֿון קאָרב צוויי עפּל

גיט אַ בליק, מאַדאַם, אויף די דאָזיקע עפּל. גאָלד און זילבער! אַביסעלע טייערליך: פֿיר פֿעניג אַ שטיק, — דערפֿאַר אָבער זענען קיין בעסערע פֿאַר די ניט געווען אויפֿן מאַרק. אויפֿן סענדאַק האָב איך דאָך אויך איינגעשפּאָרט.

פּרידאָרף

קוק טוענדיק אין פֿענסטער

גוט, לענע, טראָגט עס אַלצדינג אַוועק אין קיך און עפֿנט אויף די טיר: וואַרמונד גייט.

לענע

גייט אַוועק מיטן קאָרב. באַלד דערהערט זיך אַ קלינג.

צווייטע סצענע.

בײַ פּרידאָרף, וואַרמונד און לענע.

וואַרמונד קומט אַרײַן, לענע גייט אים נאָך. פֿרוי פֿרידאָרפֿ גייט וואַרמונדן אַנטקעגן; בײדע דריקן אײנע די אַנדערע פֿרײַנדלעך די הענט.

וואַרמונד

גוטן טאָג, מוטער, וואָס מאַכסטו? גוט?

פֿרוי פֿרידאָרפֿ

דו ביסט אַלײן?

וואַרמונד

בערטע מיט די קינדער וועט קומען צופֿאָרן מיטן ערשטן צוג. מיר האָט זיך דאָ געוואָלט זײַן פֿריער פֿאַר זיי. נו, ווי זענען דײַנע געשעפֿטן?

פֿרידאָרפֿ

איך דאַנק, אויסגעצייכנט.

לענע

די מאַדאַם זאָגט שטענדיק אַזוי. דער מאַדאַם האָט ווידער פֿאַרמאַטערט איר פֿאַרשאָלטענער רעומאַטיזם.

וואַרמונד

יאָ? אָרימע מוטער! דאָס קומענדיקע יאָר וועלן מיר מיט דיר אַוועקפֿאָרן אין מינעראַל־וואַסערן.

לענע

יאָ, דאָס וועט זײַן נוצלעך פֿאַר דער מאַדאַם.

פֿרידאָרפֿ

צו וואָס דאַרף מען דאָס? צוליב מיר דאַרפֿט איר פֿאָרן אויף עפּעס אַ לאַנגווײַליקן קוראָרט... ווי דו ביסט פֿאַרבראָנט געוואָרן אויפֿן ים!

לענע

ווי אַ דראַגונער נאָך מאַנעווורעס, ה׳ וואַרמונד.

וואַרמונד

מײַן פֿרוי פֿירט אײַך עפּעס, לענע.

לענע

איך דאַנק אייך זער, מיין האַר. די מאַדאַם איז פּשוט אַן אוצר. וואָס איז עס פֿאַר אַ מין זאַך?

וואַרמונד

איר וועט באַלד אַליין זען. און אָט האָסטו די דאָזיקע קליינע מתּנה, מוטער. דערלאַנגט איר אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן

פֿרידאָרף

ניין... באמת... ניט נייטיק. עפֿנט דעם מעדאַליאָן אַך, ס׳אַראַ פּראַכט! אין מיטן איז בערטע, בעטסי און לואיזע זיך טוליענדיק צו איר, און דו—הינטן, דו ביסט נאָר אַביסל ניט־דייטלעך אַרויסגעקומען...

וואַרמונד

איך בין ווי אַ זייטיקער מענטש. אַבי בערטע מיט די קינדער איז גוט אַרויס.

לענע

אַ קוק טוענדיק איבער דער פּלייצע פֿון פֿרוי פֿרידאָרף

יאָ, דאָס זענען זיי. די קליינינקע לואיזע איז אַזוי ליב, אַז עס ווילט זיך זי פּשוט אויפֿעסן!

פֿרידאָרף

יאָ, לענע, אָבער ס׳איז שוין צייט אייך צו גיין, ווען ניט וועט איר קיין זאַך ניט באַווייזן צוצוגרייטן.

לענע

אָ, באַאומרויִקט זיך ניט, מאַדאַם. איינס, צוויי, דריי און פֿאַרטיק! איר ווייסט דאָך, ווי שנעל דאָס אַלץ ווערט ביי מיר געטון אָפּ.

דריטע סצענע.

פֿרוי פֿרידאָרף און וואַרמונד.

ו אַ ר מ ו נ ד

שוין לאַנג צייט!

פ ר י ד אָ ר פ

מיט אַזאַ אַלטער דינסט דאַרף מען האָבן געדולד. באַרעכן, זי דינט דאָך שוין ביי מיר ארום 32 יאָר,

ו אַ ר מ ו נ ד

יאָ. — אַ שאָד, מוטער, זער אַ שאָד, וואָס דו ביסט נישט געקומען צופאָרן צו אונז, דיר וואָלט זער געפעלן געוואָרן אין הערינגסדאָרף זעצט זיך.

פ ר י ד אָ ר פ

אַך, גאָט, איר זענט געוויס זער ליב, נאָר מיך שרעקט דאָס פאָרן.

ו אַ ר מ ו נ ד

דאָס פאָרן! אַזאַ אומבאַדייטנדע שטרעקע אויפן אייזנבאַן!

פ ר י ד אָ ר פ

מיר איז בעסער פון אַלץ צו בלייבן אין אייגענעם נעסט, אַרום די אייגענע בלומען, פויגעלעך. איך בין זיי נויטיק.

ו אַ ר מ ו נ ד

און אונז?

פ ר י ד אָ ר פ

אייך... איר זייט זאַלבעצווייט, איר האָט קינדער, פריינט, די לאַנגווייליקע זקנה וועט אייך נאָר שטערן.

ו אַ ר מ ו נ ד

באַפּט איר האַנט און קושט

ווי קענסטו דאָס רעדן, מוטער? דו ווייסט דאָך, אַז דו האָסט אונז קיינמאָל ניט געשטערט. און איצט, ווייניקער ווי אַן אַנדערס מאָל. דו וואָלסט געווען אין הערינגסדאָרף ווייט ניט קיין איבעריקע.

פ ר י ד א ָ ר פ
מיט וואָס זשע וואָלט איך אייך געקענט זיין נוצלעך?

וו אַ ר מ ו נ ד
מכח דעם וויל איך טאַק: מיט דיר אַ רעד טון, מוטער.

פערטע סצענע.

פריערדיקע און לענע.

ל ע נ ע
מיט טרערן, טראַגנדיק אַ פיש
איך מוז אייך ווייזן יענעם זעלבן סענדאַק, וועלכן איר וועט היינט אין אָוונט עסן, ה׳ וואַרמונד, איז עס ניט קיין גאָלד און זילבער?

וו אַ ר מ ו נ ד
יאָ, נאָר איך וועל ניט פאַרבלייבן אויף אָוונט־ברויט.

פ ר י ד א ָ ר פ און ל ע נ ע
גלייכצייטיק
דו וועסט ניט פאַרבלייבן? — איר וועט ניט בלייבן, ה׳ וואַרמונד?

וו אַ ר מ ו נ ד
ניין, איך דאַרף זיך אומקערן אין שטאָט.

ל ע נ ע
די מאַדאַם וועט אויך ניט פאַרבלייבן?

וו אַ ר מ ו נ ד
זי — יאָ. מיין פרוי און קינדער וועלן זיך קוויקן מיט אייער סענדאַק.

ל ע נ ע
און איך האָב זיך געהאַט דערשראָקן. וואָס וואָלט דאַן געוואָרן

מיט אַזעלכע טייערע פֿיש און בראָטנס? איך האָב זיך אַזוי געפֿלייסט צוצוגרייטן אַ גוטן אָוונט־ברויט, — פֿרעגט דער מאַדאַם.

פֿ ר י ד אָ ר פֿ

גוט, לענע... גייט שוין!

ל ע נ ע

באַלד גיי איך אַוועק, מאַדאַם. אַ שאָד, וואָס ה׳ וואַרמונד פֿאַר־בלייבט נישט אָפּ.

פֿ ר י ד אָ ר פֿ

וועגן וואָס האָבן מיר גערעדט?

וו אַ ר מ ו נ ד

איך האָב דיר געזאָגט, אַז דו וואָלסט איצט געוועזן זייער גוצלעך אין הערינגסדאָרף.

ל ע נ ע

קומט ווידער שנעל אַריין

אָט נאָך אַ זאַך, ה׳ וואַרמונד. איך ווייס זייער גוט, פֿאַרוואָס ביי דער מאַדאַם איז ווידער געוואָרן רעוומאַטיזם *וואַרמונד שטייט אויף און גייט אום אויפֿגערעגט הין און צוריק.* זיי דאַרפֿן ניט רק מיר נאָכ־גיין נאָך יעדן טריט *גייט נאָך וואַרמונדן* אין קעלער, אין דער פֿייכטער וועשעריי, אומעטום! זאָגט זיי, ביטע, מיין האַרעלע, — מיך פֿאָלגן זיי דאָך ניט. אויף לענען קאָן מען זיך גאַנץ גוט פֿאַר־לאָזן, און נישט נאָכקוקן איר און זיך צו־קילן, און...

וו אַ ר מ ו נ ד

אין כעס ווערנדיק

ס׳איז דאָך, ווייס עס דער טייוול, ניט אויסצוהאַלטן! צי דען קאָנען מיר אויף קיין איין מינוט ניט בלייבן אַליין, אַז עמי־צער זאָל אונז ניט שטערן.

ל ע נ ע

שטעלט זיך אָפּ פֿאַרוואונדערט אין מיטן צימער מיט אַ פֿאַנאַנדערגעעפֿנט מויל

פ ר י ד ָא ר פ

הויך

גייט, לענע, גייט... און קומט נ‍ָאר דאַן, ווען מען וועט אייך אַ רוף טון. —

װ אַ ר מ ו נ ד

ביז צו לענען, וועלכע שטייט נאָך אַלץ און קוקט דאָ אויף אים, דאָ אויף איר

איר פאַרשטייט ניט, צי וואָס?! טראָגט זיך אָפּ און קערט זיך ניט אום, ביז וואַנען מען וועט אייך ניט רופן!

ל ע נ ע

גייט אַוועק און טוט בײַז אַ קלאַפּ מיט דער טיר.

פינפטע סצענע.

פרוי פרידאָרף און ווארמונד.

װ אַ ר מ ו נ ד

גייענדיק אַלץ איבערן צימער

דאָס איז דאָך פּשוט ניט אויסצוהאַלטן... איך קום אַהער צו־פאָרן בכיוון פריער, כדי מיט דיר אַליין זיך עטלעכע מינוט אַדורכצורעדן אויג אויף אויג, און אַ דאַנק אָט דעם פלוידער־זאַק קאָן איך ניט...

פ ר י ד אָ ר פ

נו, נו, באַרויק זיך! זי וועט שוין מער ניט קומען. זי מישט זיך אַמאָל אַריין אין פרעמדע שמועסן... מיר האָבן זיך שטענ־דיק באַצויגן צו איר מילד.

װ אַ ר מ ו נ ד

איך בין אויך שטענדיק מילד, נאָר יעדע זאַך האָט דאָך אַ גרענעץ גייט נאָך אום אַביסל איבערן צימער, דאַן זעצט ער זיך.

פ ר י ד אָ ר פ

נו, גענוג. מער וועט עס שוין ניט זיין, מיינסטו, אַז איך וואָלט

געווען נוצלעך אין הערינגסדאָרף.

וואַרמונד

ערנסט

יאָ... איך מיין, אַז דיין געגענוואַרט וואָלט געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף בערטען.

פּרידאָרפּ

דו רעדסט אַזוי מאָדנע... צי דען איז זי ניט געזונט?

וואַרמונד

יאָ, דאָס הייסט, אויף וויפיל איך האָב געקאָנט באַמערקן. אויסערלעך איז עס ניט קענטיק, זי זאָל זיך פילן שלעכט. עס קען זיין, אַז איך קען ניט פאַרשטיין. מעגלעך, אַז ביי איר איז עפּעס אַ פאַרבאָרגענע קראַנקהייט.

פּרידאָרפּ

דו שרעקסט מיך! דערצייל מיט אַ סדר, וואָס איז דאָ פאַר אַ מעשה.

וואַרמונד

דו האָסט זיך ניט וואָס צו שרעקן, מוטער. ווי איך האָב שוין געזאָגט, ווייזט מיר בערטע אויס פיזיש גאַנץ געזונט. נאָר זינט אַ געוויסער צייט איז אין איר פאָרגעקומען עפּעס אַן ענדערונג, וואָס איך קאָן ניט פאַרשטיין.

פּרידאָרפּ

אַן ענדערונג? אין וואָס באַשטייט זי?

וואַרמונד

ניט ענטשלאָסן

אייגנטלעך, ווייס איך ניט פון וואָס אָנצוהויבן... בערטען האָט מען קיינמאָל ניט געקענט אָנרופן קיין פריילעכע. ניט אמת?

פּרידאָרפּ

ניין, זי איז שטענדיק געווען אַן ערנסטע...

וואַרמונד

זי איז געווען אַן ערנסטע, אַ שווייגנדיקע, נאָר אַ פריינטלעכע.

איך האָב שטענדיק געפֿילט, אַז זי באַציט זיך צו מיר האַרציק, כ'האָב געוואוסט, אַז איר איז גוט מיט מיר. זי האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס איז מיר נוגע. זי פֿלעגט זיך אַמאָל נאָכפֿרעגן וועגן מיינע געשעפֿטן, כאָטש זי האָט אין זיי גאָרניט פֿאַרשטאַנען.

פֿרידאָרפֿ

ווי קומט עס צו איר!

וואַרמונד

באַשטימט. — מיט איין וואָרט, ס'איז צו זען, אַז מיינע אינטערעסן זענען איר געווען אַזוי נאָנט צום האַרצן, ווי אירע.

פֿרידאָרפֿ

אַזוי איז עס טאַקי!

וואַרמונד

איך געפֿין דאָס אויך. נאָר איצט האָט זיך אַלץ אינגאַנצן געענדערט. בערטע איז שטענדיק אין אַ שלעכטע שטימונג; אין פֿאַרלויף פֿון עטלעכע טעג רעדט זי צו מיר קיין וואָרט ניט אויס; אַז איך ווענד זיך צו איר, ענטפֿערט זי ניט גערן, אָדער זי וואַרפֿט מיר אונטער מיט בייזקייט עטלעכע ווערטער. וועסט גלויבן, מוטער, זי גיט אויף מיר אַפֿילו ניט קיין קוק, בעת איך קום, אָדער גיי אַוועק. איך קאָן זיך ניט דערשלאָגן צו אירס אַ בליק. איז עס דען אַ לעבן? קאָן עס דען אַזוי לענגער דויערן?

פֿרידאָרפֿ

נו-נו, מסתמא איז עס אינגאַנצן ניט אַזוי שרעקלעך, ווי דו שטעלסט פֿאָר... דו מוזט מסתמא אַביסל איבערטרייבן.

וואַרמונד

איך טרייב איבער? דו ווייסט דאָך, אַז איך בין ניט פֿעיק דערויף. איך מאַך ניט געדיכטער בכיוון די פֿאַרבן. איך פֿאַרזיכער דיר, מוטער, איך ווייס טאַקי פּשוט ניט וואָס צו טון!

בשעת איך פרעג זי: „בערטע, וואָס איז מיט דיר?" — ענט־פערט זי: „גאָר נישט. וואָס קאָן זיין מיט מיר"? „דו ביזט אומעטיק", — זאָג איך איר. „איך בין אַזאַ, ווי איך בין. איך האָב ניט קיין גרונט צו פרייען זיך". „טאָ וואָס־זשע פעלט דיר"? „לאָז מיך צו רו" — מער קאָן איך פון איר ניט אַרויסבאַקו־מען. איך זוך דעם פאַל, צו קענען טרעפן איר פאַרלאַנג, און דערפילן אים פאָרויס. ניט לאַנג האָב איך איר פאַרגעלייגט צו פאַרגרעסערן איר געלט אויף קליינע הוצאות. „איך קאָן ניט אויסברענגען אַפילו דאָס געלד, וואָס איך האָב", אָט דאָס איז אַלץ, וואָס זי האָט געפונען פאַר נויטיק מיר צו ענטפערן. איך מאַך איר כל׳ערליי סיורפריזן, מתנות און זי — קוים וואָס זי דאַנקט, קוקט ניט דערויף, טראָגט זיי ניט. זי האָט די שענסטע טואַלעטן און טוט זיך אָן אַזוי איינפאַך, אַז זי קאָמפּראָמעטירט מיך פשוט.

פ ר י ד אָ ר פ

איר איינפאַכקייט דאַרפסטו ניט פאַרעכענען פאַר אַ שולד.

וו אַ ר מ ו נ ד

נו, און אויב דאָס ווערט געטון מיר צו להכעיס?

פ ר י ד אָ ר פ

דאָס דאַכט זיך דיר נאָר אויס.

וו אַ ר מ ו נ ד

ניין, דאָס דאַכט זיך מיר ניט, גלויב מיר, מוטער.

פ ר י ד אָ ר פ

יאָ, מיר איז עס אומפאַרשטענדלעך... עס קען זיין, אַז בערטען איז לאַנגוויילּיק?

וו אַ ר מ ו נ ד

איך האָב אויך אַזוי געקלערט. נאָר דאָס קאָן ניט זיין. גיב אַליין אַ קלער: איך גיי מיט איר אין געזעלשאַפט, כאָטש מיר וואָלט געווען אַנגענעמער צו בלייבן מיט איר צווישן די

פֿיר וועגט; פינף מאָל אין וואָך באַזוך איך מיט איר טעאַטער און זע די סאַמע נאַרישסטע פיעסן, פֿאַר וועלכע מ׳האָט די מחברים רוק און לענד געדאַרפט צוברעכן. זי, דאַכט זיך, ווערט אַ מינוט לעבעדיקער. איך ווער אויסער זיך, אָבער איך האַלט זיך איין, ווייל איך בין צופרידן דערמיט אַליין, וואָס כ׳האָב זי צעשטרייט. אַלע טאָג לויפט זי איבער די מוזעאומס און קינסטלערישע אויסשטעלונגען, — און מילא, גאָט צו דאַנקן! דאָ קען איך זי ניט באַגלייטן, ווייל בייטאָג האָב איך קיין צייט ניט. אויסערדעם האָב איך ניט אַזוי ליב די מאָדערנע מאַלעריי, — איר אָבער דערלויב איך דאָס. איך דערלויב איר אויך צו נעמען וועמען זי וויל אַלס באַגלייטער. אַהיים קערט זי זיך אום אַ פֿאַרמאַטערטע און הויבט-אָן צו וואָרטשן. דאַן טאָר מען ניט וואַגן איר אַ וואָרט צו זאָגן. וואָרום עס קען דאָך ניט זיין, אַז די סיבה דערפֿון זאָל זיין לאַנגווייליקייט.

פ ר י ד אָ ר פ

ווען דו וואָלסט געוואוסט, וויפֿיל ווייטאָק דו פֿאַרשאַפֿסט מיר מיט דעם אַלץ, וואָס דו דערציילסט!

ז אַ ר מ ו נ ד

איך האָב ניט קיין פֿאַרלאַנג צו פֿאַרשאַפֿן דיר, מוטער, יסורים; איך גיס נאָר אויס פֿאַר דיר מיין האַרץ, האָפֿנדיק, אַז דו וועסט אַלץ קאָנען ענדערן. איך געפֿין ניט קיין אויסוועג פֿון מיין מצב. גיב עס בערטען צו פֿאַרשטיין, צייג זי איבער... גאָט מיינער, איך פֿאָדער ניט פֿון איר קיין אוממעגלעכעס, איך דאַרף נאָר האָבן רו. איך וויל נאָר פּטור ווערן פֿון די בייזקייט, וואָס הערשט איצט אין מיין שטוב. אַרבעטנדיק אַ גאַנצן טאָג און אַרויסשלאָגנדיק זיך פֿון די כּחות, וויל איך טרעפֿן אין שטוב אַ פֿריינטלעך געזיכט. ווייסטו, מוטער, מיר האָבן זיך באַקענט אין הערינגסדאָרף מיט אַ דאַמע, פֿרוי בורק-האַרד, אַ מין מאַלערין, וועלכע שטעלט אויס אויף אַ סאַמע סקאַנדאַליעזן אופֿן דעם מאַן אירן הערנער. דער דאָזיקער מאַן, צי ער באַמערקט עס ניט, אָדער ער מאַכט זיך ניט זעענדיק, —

די פרוי איז זער ליבליך צו אים. לכתחילה האָב איך אים
געהאַסט, נאָכדעם האָב איך געלאַכט פון אים, און איצט זענען פאַ-
ראַן מינוטן, ווען עס שטעלט זיך מיר די פראַגע: צי איז ניט בע-
סער פאַרן מאַן צו האָבן שטענדיק נעבן זיך אַ פריינטליכע,
שטענדיק שמייכלענדיקע זינדערין, איידער אַן אומערטרעגלעכע,
ברוגזע, וואָרטשונדיקע געטין פון מאָראַל.

פ ר ו י פ ר י ד אָ ר פ
באַלייריקט
ווי וואַגסטו צו פאַרגלייכן בערטען מיט אַזאַ מין פערזענליכקייט...

וו אַ ר מ ו נ ד
זייַ ניט אין כעס, מוטער!... דו ווייסט, מיט וואָס פאַר אַ
אַכטונג איך באַציִ זיך צו בערטעס כאַראַקטער... זי איז דאָך
דיין טאָכטער... קושט איר האַנט נאָך דער דאָזיקער פאַרגלייך
בעט זיך אַליין.

פ ר ו י פ ר י ד אָ ר פ
אַזאַ פאַרגלייך...

וו אַ ר מ ו נ ד
אויסערדעם, איז עס ניט נאָר מיין שולד: איך בין אַ מאַן און
קאָן דעריבער אַלץ איבערטראָגן. אָבער אַנדערע?... די דינסט
האָט דאָך שוין געוויס דאָס באַמערקט. עס האָבן באַמערקט
אויך אונזערע באַקאַנטע, אונזערע שכנים. מען הויבט-אָן וועגן
אונז צו רעדן. איך פאַרלאַנג דאָס ניט. נאָר ניט קיין רכילות
און סקאַנדאַלן! דאָס איז פאַר מיר שרעקלעך! און די קינדער?
דער עיקר די קינדער? לואיזע, צום גליק, פאַרשטייט נאָך
גאָרניט, אָבער בעטסי פאַרשטייט אַלץ. זי זעט, ווי די מאַמע
ברענגט ניט אַרויס קיין איינציק וואָרט ביים טיש און זיצט
אַריינגעשטעקט דעם נאָז אין טעלער און לייגט ניט אויף מיר
קיין שום אכט. זי קוקט מיט פאַרוואונדערטע אויגן, פול איבע-
ראַשונג... מוטער! דאָס טאָר ניט זיין! אַזאַ פירונג פאַרסמי
אירע קינדערישע יאָרן און פאַרפינסטערט איר גאַנץ לעבן

זי טאָר ניט געדענקען וועגן מחלוקת אין טאַטע-מאַמעס שטוב. אויב ס'קאָן אַנדערש ניט זיין, וועל איך בעסער אַוועקשיקן בערטען מיט די קינדער אויף אַ רייזע, אָדער כ'וועל אָפּגעבן די קינדער אין אַ פּאַנסיאָן. זיי טאָרן ניט זיין קיין עדות פון קריגעריי צווישן מוטער און פאָטער...

פ ר ו י פ ר י ד אָ ר ף

נאָר ווי אַזוי האָט עס אַלץ פּאַסירט? פריער האָט איר איינע מיט די אַנדערע אַזוי גוט געלעבט!

ז אַ ר מ ו נ ד

ווייס איך דען? (שטייט אויף און גייט צו צום פענסטער. מיט אַ געדריקט קול, ניט אנטשלאָסן) איך קאָן דיר נאָר זאָגן, אַז זינט אַ געוויסער צייט זענען אונזערע באַציונגען באַזונדערס פאַרשאַרפט געוואָרן. בערטע, דאַכט זיך, פילט צו מיר אַ פיזישן עקל. מיר איז זער שווער וועגן דעם צו רעדן, נאָר איך קאָן, איך מוז מיט אַלץ זיך טיילן מיט דיר. בערטע שטויסט מיך אָפּ... נאָך אַ אַכט יעריקן פאַמיליען-לעבן... באַרעכן נאָר...

פ ר ו י פ ר י ד אָ ר ף

(לאָזט אַראָפּ טרויעריק דעם קאָפּ)

ז אַ ר מ ו נ ד

ווען איך הויב אָן צו בעטן, זאָגט זי מיר: „איז דיר ניט קיין חרפה צו בעטלען". בעת איך הויב זיך אָן צו רעגן... וואָרום אין אַזאַ פאַל קאָן מען ניט שטענדיק זיך באַהערשן... הויבט זי אָן ווילד צו שרייען, אַז זי איז ניט קיין מזרח-שקלאַפן, ניט קיין פּלגש. דו וועסט מיר מוחל זיין, וואָס איך דערצייל דיר אַלץ. עס קאָן זיין, אַז זי וועט זיך בייטן, אויב דו וועסט מיט איר רעדן וועגן דעם. וואָס-זשע בלייבט מיר צו טון? איך געפין ניט קיין שום אויסוועג.

פ ר ו י פ ר י ד אָ ר ף

איך קאָן גאָר ניט פאַרשטיין. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז אַזאַ מין סאָרט קראַנקהייט... די נערוון זענען ביי איר צושרויפט...

ווארמונד

איך האָב אויך אַזוי געקלערט. איך האָב זיך געוואָלט ווענדן צו אונזער דאָקטאָר. נאָר פריער האָב איך באַשלאָסן צו רעדן אָפנהערציק מיט דיר.

פרוי פרידאָרפ

איך וויל דיך ניט באַליידיקן... ביסטו זיכער, אַז דו אַליין ביסט ניט טיילווייז די סיבה פון דעם?

ווארמונד

באַליידיקט

אָבער, מוטער!...

פרוי פרידאָרפ

ס׳קאָן זיין, דו אַליין ביסט אַביסל שאַרף, אויפגערעגט.

ווארמונד

אין דער הינזיכט פיל איך ניט אויף זיך קיין שום שולד. דו קענסט דאָך מיך פאַר אַ פאָלקאָם רויקן מענטשן...

פרוי פרידאָרפ

נאָר־וואָס ביסטו געווען שאַרף אין דער באַציִונג צו לענען.

ווארמונד

באַליידיקט

איך באַמערק, אַז דו שטעלסט זיך אויף בערטעס צד. איך האָב עס געדאַרפט דערוואַרטן, געוויס דער שולדיקער בין איך... אַזוי איז דאָך שטענדיק...

פרוי פרידאָרפ

זעסטו, דו הויבסט ווידער אָן צו היצן זיך. איך מיין גאָר אַבסאָלוט ניט דיך צו באַשולדיקן — איך זוך נאָר אַן ערקלע־רונג דערצו, וואָס מיר איז אומפאַרשטענדלעך, און איך דאַרף באַטירלעך, פריער פאַר אַלץ פרעגן, צי ניט אַמאָל דו אַליין...

װאַרמונד

אויסגעצייכנט. מעגלעך, אַז איך בין שולדיק,—טאָ פרעג זי פונאַנדער,—אויף װאָס קלאָגט זי זיך? צוליב דעם בין איך טאַקי געקומען צו דיר. מיט איר מוטער װעט זי דאָך זיין אָפנהערציק, און דו װעסט מיר נאָכדעם זאָגן, װאָס עס פייניקט זי. אויב די ליבה בין איך, װעט זיך אַלץ ענדערן. דערין שװער איך דיר! איך װיל שלום, און די קינדער דאַרפן זען אַרום זיך שלום און אַ פריילעכע שטימונג. ס'קאָן זיין, אַז פאַר מיר װאָלט געװען אַנגענעמער, אויב מען װאָלט מיר דערװיזן, אַז איך בין שולדיק. דאַן װאָלט איך צאָלן פאַרשטאַנען. אָבער איצט קאָן איך נישט פאַרשטיין בערטעס אויפפירונג. ס'איז נישטאָ קיין פיינלעכערע זאַך, װי צו שטיין פאַר עפּעס אינגאַנצן אומפאַרשטענדלעכעס *מען קלינגט* דאָס זענען זיי... אַלזאָ, מוטער, דו װייסט איצט אין װאָס די זאַך באַשטייט. טו אַלץ, װאָס דו קענסט, איך בעט דיך! איך האָף, אַז דו װעסט אַלץ ברענגען אין אָרדנונג.

פרוי פרידאָרפ

דריקט אים די האַנט

פאַרלאָז זיך אויף מיר!

זעקסטע סצענע.

דיזעלבע, בערטע, בעטסי, לואיזע און לענע.

בערטע קומט אַריין מיט בעטסי און לואיזע. לענע—הינטער זיי, בלייבט ביי דער טיר און קוקט שרעקעדיק אויף װאַרמונדן. בערטע און די קינדער גייען שנעל צו צו פרוי פרידאָרפ, װאָס האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, און נעמען זי אַרום. װאַרמונד שטייט ביים רעכטן פענסטער און קוקט אויף זיי.

בערטע

גוטן טאָג, מאַמאַ!

פ ר ױ פ ר י ד אָ ר פ

גוטן טאָג, מײַן קינד. נו, אָט זענט איר װידער דאָ בצקוקט זי אױפמערקזאַם.

ב ע ר ט ע

װאָס קוקסטו אויף מיר עפּעס אַזוי שטאַרק?

פ ר ױ פ ר י ד אָ ר פ

דו זעסט אױס זער גוט.

ב ע ר ט ע

פֿאַרװאָס־זשע זאָל אַנדערש זײַן? איך האָב אַלצדינג.

פ ר ױ פ ר י ד אָ ר פ

נאָר קײן עין־הרע נישט, מײַן קינד

ל ו א י ז ע

באָבעשי, איך האָב דיר געבראַכט אַ מושל דערלאַנגט איר איך האָב זי אַלײן אױסגעגראָבן מיט אַ רידל אױפן ברעג ים.

פ ר ױ פ ר י ד אָ ר פ

קושט זי, נעמט די מושל

אַך, דו, מײַן טײַער פּופּעלע. האָט אין זינען געהאַט דער באָבען. אַ דאַנק, קינדעלע, אַ דאַנק! ס׳אַראַ װאונדערלעך שײנע מושל!

ל ו א י ז ע

לעבעדיק

יאָ, באָבעשי, אײן ייִנגל האָט זי געװאָלט צונעמען בײַ מיר, נאָר איך האָב אים נישט געגעבן.

פ ר ױ פ ר י ד אָ ר פ

דאָס איז געװען נישט קײן גוט ייִנגל, לואיזעלע.

ל ו א י ז ע

ער איז געװען זער נישט קײן גוטער...

וואַרמונד

וואָס האָט דערווײַל געצערטלט בעטסין

פונדעסטוועגן איז שוין צייט כ׳זאָל אַוועקגיין,

בערטע

וואָס האָט מיט אַ שמייכל נאָכגעקוקט לואיזען, ווערט ווידער ערנסט.

פרידאָרפ

הייסט עס, דו בלייבסט נישט אויף אָוונט־ברויט?

וואַרמונד

איך קאָן נישט. איך האָב אַ וויכטיק געשעפט אין שטאָט, צום ווידערזען, מוטער! שטרעקט איר אויס די האַנט, צו בערטען זע, כ׳בעט דיך, קער זיך נישט אום צו שפּעט אַהיים, צוליב די קינדער. אין די אָוונטן איז גענוג קיל נעמט דעם הוט און שטעקן.

בערטע

איך ווייס, איך ווייס.

פרידאָרפ

וויל אים באַגלייטן.

וואַרמונד

באַאומרויק זיך נישט, מוטער אָפּ.

זיבעטע סצענע.

דיזעלבע, אָן וואַרמונדן.

לענע

גייט איילִיק אָפּ אין דער זייט, כדי דורכצולאָזן וואַרמונדן, נאָכדעם קערט זי זיך אום אין צימער און שטעלט זיך אין ערוואַרטונג אַנטקעגן בערטען, וואָס נעמט אַראָפּ דעם הוט און די פּעלערינע. לענע נעמט די זאַכן און לייגט זיי אויפן טיש.

בערטע

איִך האָב אײַך אויך עפּעס געבראַכט, גוטע לענע. אַ זילבער־
נעם בראַסלעט... אָט איִז ער דערלאַנגט איִם איִר.

לענע

באַקוקט מיִט באַגײַסטערונג דעם בראַסלעט, כאַפּט בערטעס האַנט און קושט זי?
איר זענט דאָך שטענדיק אונזער גוטער מלאך! איר זענט דאָך
ווי פריער נאָך אַלץ מיין קליינינקע, גוטע פריילין, ווען איך
האָב די וויקעלעך געוואַשן, נאָר אָט איִז ה׳ וואַרמונד... איך
קאָן נישט פאַרשטיין, וואָס מיט איִם איז געווען... ער האָט מיך
אַזוי אויסגעזידלט... דער פאַרשטאָרבענער בעל־הבית האָט עס
קיינמאָל נישט געטון, און ער איז דאָך געווען אַ געהיים־ראַט,
איך האָב עס גאָר קיינמאָל נישט פאַרדינט... ווישט די אויגן.

בערטע

קוקנדיק פאַרוואונדערט אויף פרוי פריִדאָרף
וואָס איִז געשען?

פריִדאָרף

אַך, גאָרניִשט. באַרויקט זיך, לענע... ער האָט אייך ניִט געוואָלט
באַליידיִקן. איִר דאַרפט ניִט אַרייננגיין אַלץ רגע, אויב עמיִצער
איִז פאַראַן ביי מיִר.

לענע

ה׳ וואַרמונד איִז דאָך ניִט קיין פרעמדער

פרידאָרף

דאָס איִז אַלץ איינס. גייט, לענע...

לענע

קומט, קיִנדערלעך, לאָמיִר גיין איִן גאָרטן. איִך וועל אייך וויַיזן
שיינע אַסטרעס און געאָרגיִנען... גייט אַוועק מיִט די קינדער.

אכטע סצענע.

פרוי פרידאָרף און בערטע.

בערטע

וואָס האָט דאָ געטראָפן?

פרוי פרידאָרף

אַך, גאָט, וואַרמונד איז אַביסל צוהיצט געוואָרן: ער האָט מיט אַ צו שאַרפן טאָן דערקלערט לענען, אַז זי שטערט, און די ווייסט דאָך, ווי די אַלטע האָט אַ טבע צו באַליידיקן זיך.

בערטע

וואָס איז אים איינגעפאַלן יאין קאָפּ צו שרייען אויף דער אַלטער דינסט, דערצו נאָך אין אַ פרעמדע שטוב?

פרידאָרף

נו, בערטע, צי דען מאַכסטו אַן אונטערשייד צווישן מיין שטוב און דיינער? —

בערטע

פון זיין זייט איז זער ניט שיין צו שפילן דאָ די ראָלע פון אַ בעל־הבית.

פרידאָרף

ווי שטרענג דו באַציסט זיך צו אים!

בערטע

אויפגערעגט

אַך, לאָמיר רעדן וועגן עפּעס אַנדערש...

פרידאָרף

ערנסט

ניין, מיין קינד, לאָמיר רעדן וועגן דעם. דו פירסט זיך צו מאָדנע אין דער באַציונג צום מאַן.

ב ע ר ט ע

פאַרשעמט

אַזוי מיינסטו?

פ ר י ד אָ ר פ

יאָ. אַזוי מיין איך אַ קליינע פּויזע און ער קלערט אויך אַזוי.

ב ע ר ט ע

פון וואַנען ווייסטו דאָס? ער האָט דיר וועגן דעם געזאָגט?

פ ר י ד אָ ר פ

יאָ.

ב ע ר ט ע

אָט וואָס! ווי? אַזוי איז ער געקומען צו דעם?

פ ר י ד אָ ר פ

ער האָט זיך פּשוט געקלאָגט אויף דיר.

ב ע ר ט ע

הינטער די אויגן? פאַרשוואַרצן מיך אין דער מאַמעס אויגן? פוי, ווי מאוס!

פ ר י ד אָ ר פ

דו רעדסט נאַרישקייטן, מיין קינד! ער האָט געהאַנדעלט ערלעך און קלוג. פאַר וועמען, אויב ניט פאַר מיר, זאָל ער אויסגיסן זיין צער?

ב ע ר ט ע

פאַר וועמען? פאַר מיר! אויב אים איז שווער, דאַרף ער, ווי אַ מאַן, מיר זאָגן וועגן דעם. איך וועל אים קאָנען ענטפערן.

פ ר י ד אָ ר פ

פונקט דאָס האָט זיך אים טאַקי ניט געוואָלט, און ער האָט זער גוט געטון. אויב דו היצסט זיך מיט מיר אַזוי, וואָלסטו אים די אויגן אויסגעקאַלופּעט.

בערטע

באַלײדיקט

יאָ, אויב דו האָסט אַזאַ מיינונג וועגן מיר... דו האָסט זיך שוין באַוואָפנט קעגן דיין אייגענער טאָכטער.

פרידאָרפ

רעד ניט קיין נאַרישקייטן... איך בין דאָך דיין מוטער, און דו ביסט מיין איינציקע בערטע. דאַריבער טאַקי איז מיר פיינלעך צו זען דיך אַן אויפגערעגטע. איר דאַרפט לעבן בשלום. וואָס האָסטו צו וואַרמונדן?

בערטע

ניט איך אויף אים האָב זיך געקלאָגט, נאָר ער אויף מיר. וואָס האָט ער צו מיר?

פרידאָרפ

דו ביסט פיינטלעך געשטימט קעגן אים, דו קוקסט אפילו ניט אויף אים.

בערטע

לאַכנדיק נערוועז

דאָס איז אינטערעסאַנט! וואָס, איך דאַרף אים מאַכן ליבעס־חנ׳דלעך? בענקן נאָך אים?

פרידאָרפ

איך זאָג עס נישט, כאָטש ער טוט טאַקי אַזוי.

בערטע

ער איז צו לאַקרעצדיק און דינט מיר פאַר אַ פאַרהיטונגבײַשפּיל.

פרידאָרפ

מאַך ניט, בערטע, פון דעם קיין שפּאַס, — די זאַך איז פיל ערנסטער. ער זאָגט, אַז דו רעדסט ניט מיט אים, דו ענטפערסט ניט כמעט אויף זיינע פראַגן.

בערטע

אומגעדולדיק

נו, גוט, מאַמאַ, אויב ס'איז שוין יאָ געקומען דערצו — [illegible] מעגלעך, אַז איך רעד מיט אים קנאַפּ. וועגן וואָס זאָל איך מיט אים רעדן? וועגן געשעפֿטן? זיי אינטערעסירן מיך אַזוי ווייניק, ווי דער פּאַראַיאָריקער שניי. וועגן וואָס־זשע נאָך? ער האָט וועגן קיין זאַך ניט קיין באַגריף, אויסער וועגן זיין גימנאַסטיק, געיעג אויף בערן און געפֿעכט. מיך אָבער אינטערעסירט דאָס איבערהויפּט נישט. מיין יעדע אַרויסגעזאָגטע מיינונג האַלט ער פֿאַר משוגע און שטותעריי, און ער ענטפֿערט מיר, ווי אַ באַגרענעצטער, האַרצלאָזער פּיליסטער. אויב איך הויב־אָן מיט עפּעס זיך צו פֿאַראינטערעסירן און וויל זיך אַרויסזאָגן וועגן דעם, דאַן באַקום איך איין און דעמזעלבן ענטפֿער: „אָך, נאַרישקייטן... אַן אומזיניקער אינטערעס". די ביכער, וואָס אינטערעסירן מיך, לייענט ער נישט, קונסט טרייבט אָן אויף אים אַ לאַנגווייליקייט, — וואָס־זשע בלייבט מיר דאַן צו טון, אויב ניט פֿאַרבאָרגן מיינע געדאַנקען?

פּרידאָרפּ

דו ביזט צו גאוהדיק, בערטע. וואַרמונד איז אַ מענטש מיט געזונטע באַגריפֿן און מיט לעבנס־קענטשאַפֿט. ער איז נישט מחויב צו וויסן די געשיכטע פֿון קונסט און ליטעראַטור.

בערטע

און איך בין ניט מחויב, דאַכט זיך, צו זיין אַ מיטרעדערין ביים טיש. *נאָך אַ קליינער פּויזע, אויפגערעגט* וואָס־זשע ווילט זיך אים? די בעל־הבתישקייט פֿיר איך פּינקטלעך, זאָרג פֿאַר זיינע קינדער; אומקערנדיק זיך אַהיים, געפֿינט ער אַ געגרייטן טיש און אויף אים — זיינע באַליבטע מאכלים. איך האָב צו טון מיט דער דינסט, יעדן טאָג ברעך איך זיך דעם קאָפּ איבער דעם, וואָס זאָל מען פֿאַר אים צוגרייטן. מיר דאַכט זיך, אַז איך דערפֿיל מיינע פֿליכטן, ווי עס געהער צו זיין.

פרידאָרפ

ניין, בערטע, דאָס איז נישט אַלץ. דאָס אַלץ קען אויך דער־פילן אַ פאַרוואַלטערין. צוליב דעם האָט מען ניט חתונה.

בערטע

אומדערוואַרטעט

מאַמאַ, צוליב וואָס האָסטו מיך חתונה געמאַכט?

פרידאָרפ

אַ משונהדיקע פראַגע! דו ביזט שוין אַלט געווען צוואַנציק יאָר... מיר האָבן געלעבט פון מיין אלמנהשער פענסיע... דו האָסט ניט געהאַט קיין שום פאַרמעגן...

בערטע

איך בין געווען געזונט... איך האָב געהאַט אַ קאָפּ, אַ האַרץ און דערמיט ווערט מען נישט פאַרפאַלן.

פרידאָרפ

אַזוי גאָר! און אויב איך וואָלט אויך אַזוי געשטאָרבן, ווי דיין אָרימער פאָטער? וואָלסט געבליבן אַ קיילעכדיקע יתומה... וואָס וואָלט פון דיר דאַן געוואָרן?

בערטע

איך וואָלט געאַרבעט, זיך געלערנט. איך וואָלט שטודירט מע־דיצין. עס קען זיין, אַז איצט וואָלט איך שוין געווען אַ זעלבסט־שטענדיקע.

פרידאָרפ

וואַרמונד איז פאָלשטענדיק גערעכט, אויב ער געפינט, אַז דו ביזט עקסצענטריש. די וועלט איז איינגעאָרדנט געוואָרן גאָר ניט אַזוי, ווי דו מיינסט. אַן איינזאַם מיידל אָן מיטלען ווערט טויזנט מאָל גיכער פאַלן, איידער באַשאַפן מיט אירע אייגענע כחות אַ באַדן. אַ מיידל דאַרף חתונה האָבן...

בערטע

יאָ, אַזוי לאַנג ווי די מוטערס וועלן אַזוי טענהן, קאָן זיך דער־

מצב פון דער פרוי בשום אופן ניט פאַרבעסערן. אַ פרוי — איז אַ מענטש. מיר האָבן דאָס רעכט צו לעבן פאַר זיך. אונז גיט מען אַוועק פאַרן ערשטן בעסטן, און מיר מוזן איינגיין אויף דעם.

פ ר י ד אָ ר פ

פאַרן ערשטן בעסטן! קינד מיינס, מיט דיר איז אַזוי ניט געווען... דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַ שיינעם, אַנשטענדיקן און פאַר־זיכערטן מענטשן...

ב ע ר ט ע

וועלכער געפעלט מיר ניט און וועמען איך געפעל ניט.

פ ר י ד אָ ר פ

אַזוי גאָר!... איך הער עס דאָס ערשטע מאָל. דו האָסט געהאַט אַן אַנדערע מיינונג, ווען דו האָסט חתונה געהאַט מיט וואַרמונדן. דו האָסט זיך אַזוי געפרייט, אַזוי ווי איך.

ב ע ר ט ע

שאַרף

וואָס פאַרשטייט אַ ניט־געניט, נאַריש מיידל? שטענדיק האַקט מען איר אין קאָפּ, אַז זי דאַרף חתונה האָבן, אַז ס'איז זער ניט שיין צו בלייבן אַ מיידל, אַז דאָס איז די גרעסטע שאַנד, דאָס גרעסטע אומגליק; דו זעסט, ווי די מוטער האָט ניט קיין רו, איז זיך מצער און, נאַטירלעך, ווערט געבוירן אַ פאַרלאַנג צו באַפרייען זי פון די דאגות. דאַן קומט אַ יונגערמאַן און מ'הויבט־אָן צו רעדן: „אַן אויסגעצייכנטע פּאַרטיע! אַ רייכער מענטש! וואָס פאַר אַ גליק!" די מאַמעלע איז אויפן זיבעטן הימל, וואָס זי קען אַזוי גליקלעך לויז ווערן פון דער טאָכטער, — און דאָס געשעפט איז געמאַכט.

פ ר י ד אָ ר פ

מיין קינד, דו ביזט צו אומדאַנקבאַר! דיין מוטער האָט ניט געמיינט פון דיר לויז צו ווערן. זי האָט דיר געוואונטשן גליק, און לויט די אַלגעמיינע באַגריפן, איז דער באָדן פאַר דיין גליק

גּעווען אין דיין חתונה־האָבן.

בערטע

קיין באָדן פאַר מיין גליק איז ניט געווען, ווי באַלד דער אויסוואַל איז ניט געווען קיין פרייער און דאָס האַרץ האָט געשוויגן. אַזאַ פאַמיליען־לעבן קען ניט צוזאָגן קיין פרייד.

פרידאָרפ

חתונה עקזיסטירט ניט צוליב פרייד אַליין.

בערטע

יאָ? און צוליב וואָס?

פרידאָרפ

צוליב פליכטן, צוליב געזעלשאַפטלעכע צילן.

בערטע

דאָס איז עולעך אויף אַלגעמיינע מיליטער־פליכט פאַר פרויען! אויסרופנדיק: גאָט, דעם קייזער און פאָטערלאַנד, זיך וואַרפן אין די רייען פון שונא און שרייען דערביי: „הוראַ!" איך דאַנק זער דערפאַר!

פרידאָרפ

מיר דאַכט זיך, בערטע, אַז דו ביזט געוואָרן אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטין.

בערטע

דאָס וואָלט נאָך ניט געווען אַזאַ אומגליק... אַלע אומצופרידענע ווערן סאָציאַל־דעמאָקראַטן.

פרידאָרפ

יאָ, אָבער וואָס פאַר אַ גרונט האָסטו צו זיין אַן אומצופרידענע?

בערטע

אַך, לאָז עס איבער, מאַמאַ! דו מיט דיינע מיינונגען וועגן חתונה־האָבן, — „פליכטן, געזעלשאַפטלעכע צילן", — קענסט מיך ניט פאַרשטיין.

פֿ ר י ד אָ ר פֿ

ווידער ווילן די אייער לערנען דער הין.

ב ע ר ט ע

פֿאַרשטייט זיך. דו ווערסט מיך, אַודאי, ווידער רעכענען פֿאַר אַן עקסצענטרישע, אויב איך וועל דיר זאָגן, אַז זיין לעבן זענען פֿאַראַן ניט נאָר פֿליכטן נאָר אויך רעכט.

פֿ ר י ד אָ ר פֿ

רעכט? וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

ב ע ר ט ע

איך רעד וועגן דעם רעכט צו באַפֿרידיקן די באַדערפֿענישן פֿון האַרץ.

פֿ ר י ד אָ ר פֿ

דאָס דאָזיקע רעכט נעמט קיינער ניט אָפּ פֿון דיר, דו האָסט עפּעס מער באַגרינדעטעס, ווי רעכט. דו האָסט די סאַמע אָבּיעקטן: דעם מאַן און די קינדער. וואָס דאַרף מען נאָך האָבן צו דיין האַרץ אויף צו באַפֿרידיקן דיינע באַדערפֿענישן!

ב ע ר ט ע

און אויב פֿאַרן האַרץ איז עס קנאַפּ? אויב עס איז נויטיק עפּעס מער, כּדי צו זיין גליקלעך. צי דען האָב איך ניט קיין רעכט צו שטרעבן צו גליק, ווי באַלד אַז מיך באַפֿרידיקן ניט די אַזוי־גערופֿענע פֿליכטן?

פֿ ר י ד אָ ר פֿ

קינד מיינס, דו קלערסט אַודאי, אַז אַלץ, וואָס דו רעדסט, איז ניי. אָבער דאָס איז שוין אַזוי אַלט, ווי די וועלט. אין די פֿערציקער יאָרן, בעת איך בין נאָך געווען גאָר אַ יונג מיידל, האָב איך די דאָזיקע מיינונגען געליינט אין זשאָרזש זאַנדס ראָמאַנען. דאָס איז געווען מיט אַ האַלבן יאָר הונדערט צוריק און שוין דאַן האָט זיך עס גערעכנט פֿאַר אַן אומזין. אָן פֿליכטן איז נישטאָ קיין גליק. ווער עס ווייזט דיר אויף פֿאַרקערט,

יענער נאַרט דיך. אין דעם דערפילן פון דיינע פליכטן וועסטו געפינען אַלץ, וואָס איז נויטיק צום באַפרידיקן דיינע באַדערפעגישן פון האַרץ. געוויס, אויב דו וועסט פאָלגן אַלע דיינע קאַפריזן און באַגערן און וועסט זיין אָפהענגיק פון זיי, קענסטו זיך לייכט פאָרשטעלן, אַז דיר פעלט דאָ איינס, דאָ דאָס צווייטע, דו טאָרסט עס ניט טון. אַ חתונה-געהאַטע פרוי דאַרף זיך אָפזאָגן פון פאַנטאַסטישע טרוימערייען, און איז נאָר פאַראַן דער ווילן, קען זי עס שטענדיק טון.

בערטע

און אויב דאָס איז אוממעגלעך?

פרידאָרפ

אַ מיידל, וואָס איז נישט פעיק דערויף, דאַרף ניט חתונה-האָבן.

בערטע

פאַרוואָס האָסטו מיך חתונה-געמאַכט, מאַמאַ?

פרידאָרפ

איך האָב דיר שוין געזאָגט וועגן דעם. אויסער דעם, צי דען וואָלט דיר איצט בעסער געווען, ווען איך וואָלט דיך נישט חתונה געמאַכט?

בערטע

איך וואָלט איצט געווען פריי, און ווען עס וואָלט געקומען מיין אמתער...

פרידאָרפ

דער אמתער, וואָס פאַרשטייסטו אונטער דעם?

בערטע

אַ מענטשן, וועלכער האָט מיך ליב און וועלכן איך האָב ליב. ניט צוליב פליכטן, נאָר מיט באַגייסטערונג!... אַ מענטש, וועלכער פאַרשטייט מיך, מוטיקט מיך, דערהויבט מיך גייסטיק, צו וועלכן עס שטרעבט מיין נשמה...

פ ר י ד אָ ר ף

מיט איין וואָרט, אַ לעגענדאַרישער פּרינץ. טייערע בערטע, אויף אים וואַרט יעדעס מיידל און קען זיך ניט דערוואַרטן.

ב ע ר ט ע

און אויב זי קען?

פ ר י ד אָ ר ף

איך האָב אויף אים געוואַרט ביז 34 יאָר און האָב זיך נישט דערוואַרט. ווען דיין פאָטער האָט מיט מיר חתונה געהאַט, בין איך געווען זער צופרידן. ער איז נישט געווען קיין לעגענדאַרישער פּרינץ. מיר זענען נישט געווען איינע אין די אַנדערע ראָמאַנטיש פאַרליבט. אָבער מיר זענען געווען גוטע, טרייע פריינט און זענען אַזעלכע געבליבן ביז סאַמע יענער צייט, בעת איך האָב אים די אויגן פאַרמאַכט. אָט דאָס איז דער אמתער! ווען דו וואָלסט געוואַרט אויפן לעגענדאַרישן פּרינץ, וואָלסטו זיך אויף אים קיינמאָל נישט דערוואַרט.

ב ע ר ט ע

שטיל

און אויב איך האָב זיך שוין אויף אים דערוואַרט?

פ ר י ד אָ ר ף

קוקט אויף איר איבעראַשט. פּלוצלינג

קינדעלע...

ב ע ר ט ע

וואָס?

פ ר י ד אָ ר ף

מיט אַ פאַרשטאַרקטער אויפרעגונג

קינד מיינס...

ב ע ר ט ע

שרעקעדיק

מאַמאַ!?

פ ר י ד אָ ר ף

וואָס איז מיט דיר?

ב ע ר ט ע

שווייגט.

פ ר י ד אָ ר ף

דו ביסט... אין עמיצן פאַרליבט?

ב ע ר ט ע

וואַרפט זיך צו דער מוטער און באַהאַלט דאָס געזיכט ביי איר אויף דער ברוסט.

פ ר י ד אָ ר ף

אום גאָטעס ווילן... וואָס האָב איך זיך דערוואוסט... ווי האָט זיך עס געטראָפן... רעד! *איילט צו דער טיר און פאַרשפאַרט זי אויפן ריגל*

ב ע ר ט ע

ער איז אונזער שכן, וואוינט מיט אַ שטאָק העכער פון אונז. ער קומט אַריין צו אונז און האָט מיך זער ליב געקריגן!...

פ ר י ד אָ ר ף

און דו אַנטשליסט זיך דאָס צו רעדן?

ב ע ר ט ע

איך קאָן גאָרנישט פאַרבאָרגן פון דער מוטער.

פ ר י ד אָ ר ף

ווייטער... נאָר דעם אמת: וואָס איז געווען ווייטער?

ב ע ר ט ע

מיר זענען געווען צוזאַמען אין הערינגסדאָרף...

פ ר י ד אָ ר ף

און וואַרמונד האָט עס נישט באַמערקט?

ב ע ר ט ע

איך ווייס נישט... פאַר מיר איז דאָס אַלצאיינס.

פ ר י ד אָ ר פ

דו ביסט פון זינען אַראָפּ!

ב ע ר ט ע

ער דאַרף עס וויסן. איך וויל נישט מאַכן דערפון קיין סוד.

פ ר י ד אָ ר פ

בערטע! דו ביסט נישט ביים זינען...

ב ע ר ט ע

פֿאַרוואָס? דערפֿאַר, ווייל איך וויל נישט זיין קיין צבֿועק און וויל נישט אָפּנאַרן? אָדער דו ווילסט מיך אפשר ראַטן יאָ אָפּ-צונאַרן און צו זיין צבֿיעותדיק?

פ ר י ד אָ ר פ

וואָס איז מיט דיר געוואָרן, בערטע? ווער איז עס יענער טוי-געניכטס, וואָס האָט דיר דעם קאָפּ פֿאַרדרייט?

ב ע ר ט ע

מאַמאַ, רוף אים ניט אָן „טויגעניכטס".

פ ר י ד אָ ר פ

ער איז אַ טויגעניכטס! אַן אָנשטענדיקער מענטש וועט נישט נעמען ליבן זיך אין אַ חתונה-געהאַטע פֿרוי. וואָס וויל ער פון דיר? ער פֿאַראַכט דיך זער, אויב ער מיינט, אַז דו ביסט פעיק צו פֿאַרגעסן דיינע פֿליכטן.

ב ע ר ט ע

דו ביסט נישט יושרדיק צו אים. ער קוקט אַזוי ערנסט אויף דעם.

פ ר י ד אָ ר פ

וואָס אָבער וויל ער פון דיר?

ב ע ר ט ע

ער וויל, אַז איך זאָל דאָס גאַנצע לעבן געהערן אים.

פ ר י ד אָ ר פ

און דו גלויבסט אים?

ב ע ר ט ע

ער שווערט מיר דערויף. צוליב וואָס פאַר אַ צוועק וועט ער דען מיך אָפּנאַרן?

פ ר י ד אָ ר פ

אויב אפילו אַזוי, וואַרפסט מען אויך נישט אַוועק צוליב דעם אַ מאַן מיט קינדער.

ב ע ר ט ע

איך וואַרף נישט אַוועק מיינע קינדער. באַרדענהאָלם האָט זיי ליב.

פ ר י ד אָ ר פ

באַרדענהאָלם?

ב ע ר ט ע

דאָס איז זיין נאָמען. אונטער זיין השגחה וועלן זיי זיך אינגאַנצן אַנדערש אַנטוויקלען, ווי איצט.

פ ר י ד אָ ר פ

און דו מיינסט, אַז וואַרמונד וועט אָפּגעבן די קינדער?

ב ע ר ט ע

ער ווייס, אַז איך דערצי זיי גוט.

פ ר י ד אָ ר פ

און דו וואָלסט זיך אַנטשלאָסן פון העלער הויט נעמען און צוברעכן דאָס האַרץ פון דיין מאַן?

ב ע ר ט ע

ער וועט זיך געפינען אַ טרייסט...

פ ר י ד אָ ר פ

שווייג, אומגליקלעכע! איך וויל מער גאָרנישט הערן. איך

פֿאַרוואָס דיר צו פֿאַרדרייען זיך מיט דעמדאָזיקן אוממאָראַלישן מענטשן. דו הערסט? אַ סוף מוז עס נעמען! מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך קומען צופֿאָרן אין שטאָט. דו דאַרפֿסט זיך אָפּוועקלאָזן אין אַ רייזע, אין אַ ווייטע רייזע... וואָרעמונד וועט מסכּים זיין אויף דעם. איך וועל פֿאָרן מיט דיר, ניט קוקנדיק, וואָס איך בין אַלט און קראַנק. דו מוזט קומען צום שכל.

בערטע

מאַמאַ, ווען דו וואָלסט געזען באַרדענהאָלמען, ווען דו וואָלסט אים געהערט...

פֿרידאָרף

דאָס וואָלט נאָך געפֿעלט!

בערטע

קיין זאַך קאָן אונדז שוין נישט צושיידן. ס'איז שוין שפּעט!

פֿרידאָרף

פֿאַרשטאָפּנדיק איר דאָס מויל

שווייג! אומגליקלעכע שווייג! כאָטש מען קען דיך נישט באַשולדיקן. אין דיין איצטיקן צושטאַנד קאָן מען דיך נישט באַשטראָפֿן פֿאַר קיין שום פֿאַרברעכן. דו ביסט קראַנק... בשעת וואָרמונד אַליין וועט זיך דאָס דערוויסן, וועט ער אַלץ פֿאַרשטיין, אָ, גאָט, גאָט!

לענע

קלאַפּנדיק אין טיר

פֿאַרשפּאַרט?

פֿרידאָרף

אָן אויפֿגערעגטע

וואָס איז דאָרט ווידער?

לענע

עפֿנט אויף.

פ ר י ד אָ ר ף

וואָס דאַרפֿט איר?

ל ע נ ע

די קינדער איז קאַלט.

פ ר י ד אָ ר ף

גיי, בערטע, עפֿן!... ביי מיר האַקן זיך אונטער די פֿיס

בערטע גייט צו דער טיר צו די אָרימע קינדער!

פֿאָרהאַנג.

דריטער אקט.

אַ צימער בײַ באַרדענהאָלם. רעכטס און אין דער טיפֿקייט — טירן. לינקס אַ קאַמין. איבער אים געווער: ראַפּירן, מאַסקעס, רעוואָלווערן, אין רעכטן ווינקל אַנטקעגן קאַמין — אַ טערקישער דיוואַן, שטולן, אַ רויכער־טישל מיט אַ קעסטל פֿאַר ציגאַרן און לולקעס. רעכטס בײַ דער אַנטאַנסצענע אַ פּיאַנינע, איבער איר — אַ שפּיגל. אין מיטן — אַ טיש מיט ביכער און אַלבאָמען. אין דער טיפֿקייט פֿון סצענע אַן עטאַזשערקע מיט ביכער. באַפּוצונגען, אַ גראַפֿין אויף ליקער מיט גלעזלעך, באָקאַלן און פֿאָטאָגראַפֿיעס אין ראַמען.

ערשטע סצענע.

באַרדענהאָלם און ד"ר ביוטנער.

ביוטנער האַלב-ליגענדיק אויפֿן דיוואַן. באַרדענהאָלם שטייט פֿאַר אים, אָנלענענדיק זיך אָן קאַמין.

באַרדענהאָלם

דערלאַנגענדיק ביוטנערן אַ קעסטל מיט ציגאַרן

פֿאַרויכער אַ ציגאַר, ביוטנער, און רויכער אים מיט כּוונה. די דאָזיקע ציגאַרן לייג איך פֿאַר נאָר פֿריינט, וואָס ליידן אויף ליבע־פֿיבער.

ביוטנער

נעמט דעם ציגאַר און פֿאַרויכערט. רויכערט שווייגנדיק.

באַרדענהאָלם

נאָך אַ קליינער פּויזע, בעת ער גיט אַכטונג אויף ביוטנערן

אויב דו שווייגסט שוין, טאָ זיפֿץ ניט. דאָס וועט זיין בעסער;

ביוטנער

דיר איז גוט צו לאַכן.

באַרדענהאָלם

דיר איז נאָך בעסער, דו ווילסט עס גאָר ניט פאַרשטיין
א שווייגן ווילסטו אַ גלעזל שאַרטרעז? ער פּאַסט זער גוט צו
דעם דאָזיקן ציגאַר.

ביוטנער

איך דאַנק, מיט פאַרגעניגן.

באַרדענהאָלם

נעמט פון עטאַזשערקע די פלאַש שארטרעז און צוויי גלעזלעך, און גיסט אָן זיי טרינקן

נו, און איצט הויב-אויף דעם קאָפּ העכער און לאָז ניט אַראָפּ
דער נאָז. צוליב אַזאַ נאַרישע געשיכטע לוינט נישט אַראָפּצופאַלן
ביי זיך.

ביוטנער

אַזאַ מאוס באַשעפעניש!

באַרדענהאָלם

בראַוואָ! דאָס האָסטו געזאָגט ווי סאַלוויני.

ביוטנער

שטייט אויף און כאַפּט זיך פאַרן הוט

אויב דו וועסט ווייטער פאָרטזעצן דיינע נאַרישע וויצן...

באַרדענהאָלם

נו, זיי ניט אין כעס. *נעמט ביי אים צו דעם הוט און זעצט אים אַנידער אויפן דיוואַן ביין.* ערנסט, — פרוי בורקהאַרד האָט מיט דיר
איבערגעריסן אַלע באַציונגען?

ביוטנער

אַ נבֿלה! איך האָב איר געבראַכט כלערליי ראיות מכח
דעם קליינינקן הער גענראַט.

באַרדענהאָלם

אויך אַ געדאַנק! דו בי־סט, הייסט עס, ניט געווען אייפערזי־כטי־ק?

ביוטנער

אייגענטלעך גערעדט, בין איך אפשר ניט געווען אייפערזיכטיק, כאָטש... זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט אים און מיך געמאַכט צו שפּאָט. איך האָב דאָך ניט געקאָנט שווייגן! ווי נאָר איך האָב געעפנט דאָס מויל, האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען: „וואָס? דו קלייבסט זיך מיר זאָגן מוסר? מיין מאַן האָט אויף דעם מער רעכט. אויף מוסר דאַרף איך ניט האָבן קיין ליבהאָבער". „אויב דו וואָלסט זיך געקענט באַפרידיקן מיט איינעם", האָב איך געענטפערט. ניט שלעכט אַריינגעזאָגט, אמת? דאָ האָט זי זיך ריי־צנדיק צולאַכט און געזאָגט: „Mon cher", דו ווערסט אומדער־טרעגלעך לאַנגווייליק. לאָמיר זיך צושיידן פריינדליך, איידער דו וועסט אינגאַנצן ניט פאַרשימלט ווערן".

באַרדענהאָלם

אַ גיפטיקער פאַרשוין!

ביוטנער

פאַרשטייט זיך, איך בין אויפגעבראַכט געוואָרן.

באַרדענהאָלם

נו, געוויס.

ביוטנער

איך בין אַוועק, בעת איך האָב זיך אומגעקערט נאָכמיטאָג...

באַרדענהאָלם

ווי? דו האָסט זיך אומגעקערט?

ביוטנער

פאַרשטייסטו, איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ פּוסטער קאַפּריז. ווי מיין געוואוינהייט, האָב איך געוואָלט אַריינגיין, קומט אַרויס מיטאַמאָל דאָס שטוב־מיידל מיר אַנטקעגן און איז מודיע: „די מאדאם איז ניטאָ אין שטוב", — אין דערזעלבער צייט הער איך, ווי זי רעדט הויך און לאַכט אין קאַבינעט! „איר שפּאַסט", האָב איך געענטפערט דעם שטוב־מיידל און האָב זיך געהאַט גענומען פאַרן הענטל פון טיר. אָבער דאָ האָט די

שלאַנג, וועלכע איך האָב אַזוי צולאָזן מיט מיינע מתנות, זיך געשטעלט פאַר דער טיר און זאָגט צו מיר אַזוי גראָב: „די מאַדאַם איז פאַר אייך ניטאָ אין שטוב, און זי האט געבעטן אייך מודיע זיין, איר זאָלט זיך מער נישט באַאומרויקן". נו, ווי געפעלט עס דיר?

באַרדענהאָלם

אויסגעצייכנט! אויסגעצייכנט! דו ביסט אַ שרעקליכער מענטש. ווען אין דיר וואָלט כאָטש געווען אַ פונק פון גלויבן, וואָלסטו געדאַרפט איצט בענטשן גומל.

ביוטנער

ווערן אַרויסגעטריבן צוליב עפעס אַ הערגענראַט!

באַרדענהאָלם

דער קלייניקער הערגענראַט איז גאָר נישט אַזוי שלעכט. און אויסער דעם, וואָלט איך קיינמאָל גאָר נישט געווען אייפער־זיכטיק צום נאָכפאָלגער נאָך צום פאָרגענגער.

ביוטנער

אָבער איך האָב ליב דאָסדאָזיקע אָרימע באַשעפעניש!

באַרדענהאָלם

ביוטנער, ווי דו דריקסט זיך מאָדנע אויס. צי דען איז עס אָנשטענדיק, אַז אַ זון פון נייגצנטן יאָרהונדערט זאָל זיך אַזוי אויסדריקן? פאַראַדירנדיק אים „איך האָב ליב דאָסדאָזיקע אָרימע באַשעפעניש!" אַן אמתער טרובאַדור. אַזוי קען נאָר זיין אין ליד. קום צו אַהער, חזר־איבער די פראַזע, און איך וועל דיר אַקאָמפּאַנירן.

ביוטנער

דו ביסט אַ מענטש אָן אַ האַרץ! דו פאַרשטייסט נישט, וואָס עס הייסט גאַנצע דריי יאָר זיין אַ פּאַזש ביי אַ פרוי.

באַרדענהאָלם

ווי! איך ווייס עס אויסגעצייכנט. דאָס איז ענלעך צו אַ פריינט־

לעכע געוואוינהייט, וואָלט געזאָגט געטהען. אָבער נאָך צוויי יאָר דאַרף מען דאָך אויך אַ קלער טון וועגן דעם, כדי איבערצוגיין אין אַן אַנדער גאַרניזאָן.

ביוטנער

מיך האָט נאָך מיין גאַרניזאָן נישט דערעסן.

באַרדענהאָלם

אָט דאָס טאַקי וואַרף איך דיר פֿאָר! ביי פרוי בורקהאַרד איז געבוירן אַ פֿאַרלאַנג איבערצוגיין אויף אַ העכערן סעמעסטער.

ביוטנער

פונדעסטוועגן, ווי דו זעסט, שטערט עס נישט כלערליי מענטשן זיי אַרומצורינגלען.

באַרדענהאָלם

געוויס, זי איז הערלעך שיין, באַרימט און גענוג פֿריינטלעך. איך רעכן, אַז דו ביסט נישט בייז אויף מיר?

ביוטנער

די טרייסט גאַנץ אָריגינעל.

באַרדענהאָלם

דוקא אַזוי ווי מען דאַרף. דען אַ געדריקטע שטים—איז אַ גראָבע אומדאַנקבאַרקייט אין דער באַציִונג צו דיין גליקלעכן שטערן. מענטש איינער, ווייסטו, אַז אין ליבע, פונקט ווי אין אַ מלחמה דאַרף מען פריִער פֿאַר אלץ באַווארענען די מעגליכקייט אָפּצוטרעטן? שווערער פון אַלץ איז דער אויסגאַנג פון אַזאַ צושטאַנד. דו האָסט געהאַט אַ גליק, וואָס דו האָסט נישט פֿאַרדינט,—האָסט זיך פֿאַרבונדן מיט אַ פרוי, נישט קיין פגע-רע, נאָר מיט אַ הויך-באַגאַבטע, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דיר אָן שום קונצן,— און דו קלאָגסט זיך נאָך. דו פֿאַרדינסט דערפֿאַר צו ווערן פֿאַרמשפט אויף אייביקע קאַטאָרגע ביי אַ גוטינקער פרויענצימער. נו, לאָמיר רעדן ערנסט. מיר טוט באמת זער באַנג צו זען דיך אַזאַ טרויעריקן. וואָס אייגנטלעך ווילסטו? ווי האָט זיך אַנדערש

געקענט ענדיקן אייער ליבעס־באַציִונג? ווערט מיר דערלויבן צו זיין פאָלקאָם אָפֿנהערציק?

ב י ו ט נ ע ר

גאָך אָפֿנהערציקער, ווי ביז איצט? דאָס איז אינטערעסאַנט!

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

ווייסטו, איך האָב שוין לאַנג געוואָלט מיט דיר רעדן וועגן דער זעלט זיך געבן אים אויפן דיוואַן דו האָסט לחלוטין פֿאַרלאָרן די פֿעִיקייט צו פֿאַרשטיין דיין לאַגע. די דאָזיקע פרוי איז אַן איבערגעוואַקסענע פֿאָמעראַנץ; זי איז רייך, דו אָרעם, און דאָס וואָלט געווען טאַקע פּראָסט נישט אַנשטענדיק.

ב י ו ט נ ע ר

אין כּעס ווערנדיק

ווער וואָלט זיך דערלויבט...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דו, היץ זיך נישט, דאָס וועט דער זאַך נישט העלפֿן. מען דאַרף זיך שטענדיק רעכענען מיט בייזע צינגער. זיין אין באַציִונגען מיט אַ פֿרוי, וואָס איז אין דער מאָדע, איז גוט,—אָבער דאָס דאַרף זיין אַזוי קורץ ווי אַן אַנעקדאָט,—אַנדערש פֿאַרלירט זיך דער גאַנצער עפֿעקט.

ב י ו ט נ ע ר

דער עפֿעקט? וועלכער עפֿעקט?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

פֿאַרשטעל זיך נישט! אויף וויפֿיל מיר איז באַוואוסט, וואַרטסטו נישט אויף קיין ירושה פֿון דיין זיידן.

ב י ו ט נ ע ר

צום באַדויערן,

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דו פֿאַנטאַזירסט, געוויס, וועגן אַ גוטע פּאַרטיע,—דו ביסט שוין

דרייסיק יאָר אַלט,—דו דאַרפסט ערנסט וועגן דעם אַ קלער טון. דיין באַציִונג מיט פרוי בורקהאַרד שאַפט דיר אַ פּרעס־טיזש, נאָר זי האָט געדויערט צו לאַנג. ס'איז שוין אָנגעקומען דער העכסטער מאָמענט, ווען עס דאַרף צו דעם געמאַכט ווערן אַ סוף. איצט זוך פלייסיק אַ תכלית. זוך אַ געלעגנהייט צו ווערן איינגעלאַדן צו אַ וועלכן עס איז קאָמערציען־ראַט און קלייב אויס צווישן די מיידלעך פון אונזערע מקומות. דו פונדעסט־וועגן דערשיין נישט ווי דער ריטער טאַגענבורג. וואָרום אויב דו וועסט געבן די מעגלעכקייט צו דערגיין, ווער ס'האָט דיך איבערגעלאָזט מיט אַ נאָז,—דאַן וועט דיר נישט געלינגען צו פאַר־כּשופן די רייכע יורשטעס,—זיי וועלן זיך אויסלאַכן פון דיר. האָסטו פאַרשטאַנען?

בּיוטנער

איך פאַראַכט אַלע פרויען.

באַרדענהאָלם

נאַרישקייטן! — פונדעסטוועגן זענען זיי די סאַמע שענסטע ערפינדונג פון דער נאַטור. מען דאַרף זיך נאָר קענען באַגיין מיט זיי א קלאַפּ אין דער רעכטער טיר

בּיוטנער

עמיצער קלאַפּט? ביידע הערן זיך צו. ווידער א קלאַפּ.

באַרדענהאָלם

אויפשפּרינגנדיק

אמת! מאָדנע... ניט אמת, דו וועסט מיר אַנטשולדיקן, ביוטנער?

בּיוטנער

אַ געהיימניספולער באַזוך?

באַרדענהאָלם

שאָקלט מיטן קאָפּ

אויסער דעם וואַרט איך אויף קאַלווערטן אין אַ פערטעל שעה אַרום. קיין שום פאַרדעכטיקס איז דאָ נישטאָ.

בּיוטנער

שמעקגייענדיק

יאָ, פרויען, פרויען!

בּ אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

באַגלייט ביוטנערן צו דער טיר, וואָס געפינט זיך אין טיפקייט פון דער בינע, פאַרוקט דעם פאַרוקער, אײלט צו דער ערשטער טיר און עפנט זי.

צווייטע סצענע.

באַרדענהאָלם און בערטע

בּ ע ר ט ע

קומט אַריין אונטער אַ געדיכטן וואוואַל.

בּ אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

פאַרשפאַרט די טיר, נעמט אַרום בערטען

בערטע!..: אין אַזאַ צייט!

בּ ע ר ט ע

איך האָב דיר געשטערט?

בּ אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

קיין האָר ניט! אָבער ווי ניט פּאָרזיכטיק! נאָר-וואָס איז בײ מיר געווען ביוטנער. איך האָב קוים באַוויזן אים אַרויסצובאַגלייטן. דו וואָלסט באַדאַרפט זיין אַ ביסל פּאָרזיכטיקער.

בּ ע ר ט ע

איך? פּאָרזיכטיקער? אַך, דאָס האָט מיר שוין אינגאַנצן דערעסן!

אַ פּאָרמאַטערטע לאָזט זי זיך אַראָפּ אויפן דיוואַן. באַרדענהאָלם נעמט איר הוט און וואוואַל, קושט איר אין קאָפּ און לייגט די זאכן אויפן טיש מיר איז אַזוי נמאסדיק צו קומען און אַוועקגיין בגנבה און שרעקנדיק זיך אַרומצוקוקן, כדי עס זאָל מיך עמיצער ניט באַמערקן. פאַרוואָס דאַרף איך עס מורא האָבן פאַר איטליכן? פאַרוואָס!

בּ אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

זעצט זיך צו איר, נעמט איר האַנט; צאַרט..

דערפאַר ווייל דאָס איז אַ באַוואָרעניש פאַר אונזער גליק, אונזער באַציונג...

בערטע

ניין! אָן מאוסע ווערטער! דו דאַרפסט זיי מיר קיינמאָל ניט זאָגן.

באַרדענהאָלם

לאַכנדיק

אַך דו „ריר מיך ניט אָן!" וואָס פאַר אַ וואָרט!

בערטע

עס זענען פאַראַן ווערטער, וואָס פאַרשליסן אין זיך אַ גאַנצן אָפּגרונט פון חרפה.

באַרדענהאָלם

גוט איך וועל אויסשליסן דאָס דאָזיקע וואָרט פון מיין שפּראַך. אָט וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן: איך וואָלט זיך בעסער מיט דיר באַזעצט אויף אַ ניט באַוואוינטן אינזל, וואו מיר וואָלטן געווען אינגאַנצן אַליין און וואו מיר וואָלטן געקענט פריי געניסן פון אונזער ליבע אונטער דער זון, אונטערן בלויען הימל און פאַרן ים. אָבער מיר זענען דאָך ניט קיין ראָבינזאָן קרוזאָס. מיר זענען איינוואוינער פון דער רעזידענץ, אויף אונז קוקן טויזנט אויגן. צום גליק קומט עס אונז אָן פאַרהעלטניסמעסיק גרינג. מיר דאַרפן זיך נאָר ניט אונטערגעבן דעם צופאַל.

בערטע

זאָג מיר, אָטאָ, דיר איז אַנגענעם צו זען, ווי איך שפּיל די קאָמעדיע פון פאַרשטעלן זיך?

באַרדענהאָלם

אָבער אויב דאָס איז נויטיק...

בערטע

דיך שרעקט עס נישט, וואָס איך שפּיל זי אַזוי גוט? שרעקט דיך נישט דער געדאַנק, אַז ווען-עס-איז וועל איך אָנווענדן די דאָזיקע קונסט אין דער באַציונג צו דיר?

באַרדענהאָלם

אָ, אויף דעם קען איך דיך צו גוט *קושט איר האַנט.*

בערטע

ווער עס האָט איינמאָל ליגן געזאָגט, קען אויך ליגן זאָגן שפּעטער. איך אויף דיין אָרט וואָלט ניט געפּילט קיין צוטרוי צו אַ פרוי, וואָס נאַרט=אָפּ.

באַרדענהאָלם

איך ווייס דאָך אויסגעצייכנט מיט וואָס פּאַר אַ צוועק דו טוסט עס. איך ווייס, ווי שווער דיר איז צו מאַסקירן זיך. דאָס איז דער סאַמע גרעסטער קרבן, וועלכן דו ברענגסט מיר... דאָס איז דער סאַמע רירנדיקער באַווייז פון דיין ליבע. אויסער דעם האָסטו אַ טעות, מיינענדיק, אַז מאַסקירן זיך איז אין אַלע אופנים נידעריק. די בעסטע פון די מענטשן האָבן שטענדיק גערעכנט פאַר נויטיק צו באַהאַלטן זייער הויך לעבן פון די בליקן פון פשוטן המון. זיי האָבן זיך באַנוצט מיט אַ באַזונדער רעכט שטאָלץ צו פאַרטרייבן אַלע זייטיקע פון די געהיימנישן פון זייערע געפילן און מעשים. דערמאָן זיך אין די עלעוזינער מיסטעריען. ביי אונז איז אויך אַ מיסטעריע *גלעט זי איבערן קאָפּ* דו ביזט מיין בלאָנדע געהיימניש, בערטע, דו דאַרפסט אויך פאַרשטיין דאָס הויכע געפיל צו דרייען זיך צווישן וואָכעדיקע מענטשן און חזרן זיך: „איך ווייס עפעס שיינס, וואָס קיינער פון אייך ווייס נישט, ביי מיר איז פאַראַן עטוואָס טייערס, וואָס איר האָט עס נישט". ווען נישט דאָס, וואָלטן אונזערע באַציונגען פאַרשוועכט געוואָרן.

בערטע

דו קענסט אַלץ באַפּאַרבן, — איך בין צו דעם געוואוינט, אָבער ווייסטו, אָטאָ, דיינע עלעוזינער מיסטעריען טרייסטן מיך ווייניק. ריינע, אָפענע באַציונגען זענען פאַר מיר טויזנט מאָל טייערער, איידער די פּאָעטישע געהיימניספולקייט.

באַרדענהאָלם

דיינע געדאַנקען זענען איצט אַזוי פיליסטעריש, ווי... *בערטע קערט*

זיך אומצופרידן אָפּ. באַרדענהאָלם כאַפּט איר האַנט און ציט זי צו געגן איר ווילן צו זיך. נו, איך האָב דאָך גאָר קיין שלעכטס ניט געזאָגט. זעסטו, מיין אומשאַצבאַרע, טייערע בערטע, איך וויל זיך נאָר דערשלאָגן דערצו, אַז דו זאָלסט פאַרשטיין די גאַנצע נויטיקייט פון אונזער לאַגע און דו זאָלסט זיך נישט קלאָגן אויף איר אומזיסט. מיר וואָלטן זיך אַזוי געקענט מיט איר באַנוצן, און דו פאַרסמסט יעדע מינוט פון גליק מיט להלוטין אומזיסטע ליידן. צי דען איז עס קלוג?

בערטע

מיר וואָלטן זיך מיט איר גוט געקענט באַנוצן, געוויס... דאָס בין איך אויך מודה... דאָס איז מיין איינציקע האָפענונג... ווען נישט... נאָר אַזוי ווי ס'איז איצט, דאַרף ווייטער ניט זיין. צי דען האָסטו נישט קיין פאַרלאַנג, אַז אַלץ זאָל אַנדערש זיין, אָטאָ?

באַרדענהאָלם

אָפּן גערעדט, ניין. איין זאַך וואָלט איך פאַרלאַנגט: דיך זען אין אַ בעסערע שטימונג. אַזוי לאַנג ווי דו ביסט מיינע, בין איך פאָלקאָם גליקלעך!

בערטע

הייס.

אָבער איך בין נישט דיינע, און דו ביסט נישט מיינער. דאָס איז דאָך די מעשה. איך פיל מיך אינגאַנצן הילפלאָז, אָן אַ באָדן אונטער די פיס. פאָלשטענדיק אָפּגעריסן פון דער גאַנצער וועלט. מיט דער פאַרגאַנגענהייט האָב איך אַלץ איבערגעריסן, קיין צוקונפט זע איך נישט; איך ווייס נישט, וועמען איך געהער, וואָס זאָל איך טון. בעת איך בין אונטן, וועקט זיך אויף ביי מיר צייטנווייז אַ פאַרלאַנג צו לויפן ערגעץ־וואו ווייט־ווייט, וואו קיינער קען מיך נישט. איך בלאָנדזשע אום איבער די צימערן און שטעל זיך פלוצלונג די פראַגע: צי וואָס בין איך דאָ? איך פיל זיך אין מיין שטוב אינגאַנצן פרעמד, און מיר דאַכט זיך, אַז אָט־אָט וועט עמיצער אַריינגיין, וועט פאַרוואונדערט אויף מיר אַ קוק טון און וועט פרעגן: וואָס דאַרפט

איִר? בשעת איִך... בשעת איִך בין ניִשט אַליין, איז מיר פיִל, פיִל ערגער. דו דאַרפסט זיך דעריִבער ניִשט וואונדערן, אויב איך קום צו דיִר אומדערוואַרטעט.

באַרדענהאָלם

צוּ זיִ צו צו זיך

מיין ליִבע!...

בערטע

באַפרייענדיק זיִך

אַזוי קען עס לענגער ניִשט דויערן. איִך קום אום פון דער דאָזיִקער צושפאָלטנקייט. מיין קערפּער איִז אונטן, און מיין נשמה איִז דאָ,—דאָס איִז אוממעגלעך! ענטוועדער איינס, אָדער דאָס צווייטע!...

באַרדענהאָלם

ענטוועדער—אָדער! דו ביִסט אַ וואונדערלעך שוואַך וועזן. דיין „ענטוועדער—אָדער” קען האָבן צוויי באַדייטונגען. דיין „ענט-דער”—מיִר זענען ראָמאַנטיִשע נאַראָנים און גייען צוזאַמען פאַר-לאָרן, ווי אַ מאָדיִסטן מיט איר געליִבטן שניידער, וועלכע האָט זיך אָנגעליינט ביִז משוגעת מיט באַנאַלע ראָמאַנען; דער „אָדער” באַטייט: מיִר זענען העלדיִשע נאַראָניִם און מאַכן אַ סוף צו אַלע פּלאָגן, זיך אָפּזאָגנדיק איינער פון אַנדערן. איִך בין ניִשט מרוצה ניִשט אויף דאָס, ניִשט אויף יענץ.

בערטע

עס איִז אויך פאַראַן אַ דריטער גאַנץ פּשוטער אויסוועג. מיִך וואונדערט, ווי האָסטו וועגן דעם ניִשט אַ קלער געטון.

באַרדענהאָלם

יאָ, קיין דריִטן אויסוועג זע איִך נישט.

בערטע

מיר האָבן דאָך נאָך איין ברירה, אויסער טויט און צושיידונג. מיִר קענען גאַנץ רויִק געהערן איינע צו די אַנדערע...

באַרדעגהאָלם

פרידיק

ענדלעך! וועגן דעם רעד איך דאָך די גאַנצע צייט! צו וואָס זיך פּלאָגן? גוט איז אַזוי ווי עס איז. לאָמיר נישט ענדערן דעם צושטאַנד פון דער זאַך,—לאָמיר געניסן פון דער געגנוואַרט!

בערטע

דו ווילסט מיך נישט פאַרשטיין. אויב איך זאָג, אַז מיר דאַרפן געהערן איינע די אַנדערע, דאַן מיין איך—געהערן אָפן פאַר דער גאַנצער וועלט, נישט שפּילנדיק אין באַהעלטעניש, אַזוי, אַז מיר זאָלן קענען אָנערקענען איינער דעם אַנדערן.

באַרדעגהאָלם

איך וואונדער זיך אויף דיין בריהשאַפט, בערטע! איך שעם זיך דיר מודה צו זיין, אַז ביי מיר איז אַזאַ דרייסטקייט נישטאָ. איך בין אַ באַאַמטער: אין מיין לאַגע איז נויטיק זער פיל זאַכן צו נעמען אין אַכט. דו שטעלסט זיך, געוויס, נישט פאָר, וואָס פאַר אַ מוראדיקער סקאַנדאַל עס וועט פאָרקומען...

בערטע

דאָס וועט דויערן עטלעכע וואָכן, און נאָכדעם וועט אַלץ אַוועקגיין מיט זיין שטייגער. אַזעלכע ענלעכע זאַכן קומען פאָר טאָג-טעגלעך, און אויב מיר וועלן נאָכדעם לעבן צווישן זיך שטיל און באַשיידן, וועט מען וועגן אונז גיך פאַרגעסן.

באַרדעגהאָלם

פאַרגעסן? אויב מיר וועלן שטענדיק דינען דער וועלט פאַר אַ בילד פון אומגעזעצלעכע באַציונגען?

בערטע

אויפשפּרינגענדיק

אומגעזעצ... קענסטו עס מיינען? גייט אונטער צום טיש און ווייל נעמען דעם הוט און וואַל.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

כאַפּט זי פאַר די הענט, איבעראַשט

וואָס איז מיט דיר... איך פאַרשטיי דיך נישט...

ב ע ר ט ע

ווערנדיק זיך

לאָז מיך אָפּ! איך גיי אוועק...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

איך וועל דיך נישט אָפּלאָזן. דו דאַרפסט מיר דערקלערן

פירט זי צוריק צום דיוואַן

ב ע ר ט ע

לאָזט זיך אַראָפּ אויפן דיוואַן, פאַרשטעלט מיט די הענט דאָס פּנים

איך באַקום דאָס, וואָס איך האָב פאַרדינט.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

בערטע! אַנטשולדיק, — איך האָב דיך ניט געוואָלט באַליידיקן. דו האָסט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן זיך מער ניט שפּילן אין באַהעלטעניש, מיר דאַרפן אָנערקענען איינע די אַנדערע, הייסט עס דאָך...

ב ע ר ט ע

עפענענדיק דאָס פּנים

נו?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

קוקט שווייגנדיק אויף איר

ב ע ר ט ע

צי דען איז עס טאַקי באמת אַזוי שווער צו פאַרשטיין, אָדער דו ווילסט מיך פּשוט ניט פאַרשטיין?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

בערטע, איך פאַרזיכער דיר...

ב ע ר ט ע

כּדי צו מאַכן אַ סוף צו אַלע פּלאָגן, דאַרפֿסטו נאָר... מיִר געבן דײַן נאָמען.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

אַן איבעראַשטער

אַך. אָט וואָס! קוקט אויף איר אַ ווײַלע, שטייט אויף און גייט שווײַגנדיק הין און צוריק, נאָכדעם שטעלט ער זיך בײַם קאַמין אַנטקעגן בערטן. אַזוי מיינסטו! איך דאַרף חתונה האָבן מיִט דיר! מיִר האָט עס בשום אופֿן נישט געקענט קומען אויפֿן זינען...

ב ע ר ט ע

מיִר דאַכט זיך, אַז דאָס איז דאָס סאַמע באַקוועמסטע...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

חתונה האָבן מיִט דיר! דו ביִזט דאָך אָבער ניִט פֿרײַ.

ב ע ר ט ע

מען קען זיך גט'ן.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דו מיינסט, אַז דאָס איז אַזוי גרינג? פֿריִער פֿאַר אַלץ שטייט פֿאַר אַ דויערנדיִקער, ניט-אַנגענעמער פּראָצעס. ווער דאַרף איִם אָנהויבן? דו קענסט ניִשט, ווײַל דו האָסט ניִשט קיין שום גרונד צו קלאָגן זיך אויפֿן מאַן.

ב ע ר ט ע

געוויס, אַ גט דאַרף ער פֿאָדערן. ער דאַרף עס נויטיִק טון, ווי באַלד ער וועט זיך דערוויסן דעם אמת.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

יאָ, אָבער ס'וועט אָנערקענט ווערן, אַז דו האָסט געבראָכן דײַן פֿליכט צום מאַן, און איך בין דײַן מיִטהעלפֿער. מיר וועלן שטיין פֿאַרן געריִכט. ווי פֿאַרברעכער, אַ פֿאַרלויף פֿון אַ לאַנגער צײַט וועט זיִך אונזער נאָמען אַרומטראָגן איִן אַלע שמוציקע ערטער, סוף-כּל-סוף וועט מען דיך באַשולדיקן, און דאָס הייסט,

אַז דער גט וועט באַשלאָסן ווערן ניט לטובת דיר. וואָס עס וועט זיין מיט מיין קאַריערע — דאָס ווייס איך ניט, גאָר אַלעמפאַלס וועל איך נישט האָבן קיין רעכט מיט דיר חתונה צו האָבן.

בערטע

ווי? דו וועסט נישט האָבן קיין רעכט מיט מיר חתונה צו האָבן?

באַרדענהאָלם

געוויס ניט! אויב דאָס ווייב ווערט אָנערקענט פאַר אַ שטערע־רין פון פאַמיליען־פליכט און דער גט ווערט באַשלאָסן ניט לטובת איר, דאַן האָט ניט דער מיטהעלפער קיין רעכט מיט איר חתונה צו האָבן.

בערטע

דאָס איז דאָך שרעקלעך!

באַרדענהאָלם

וואָס זשע קען איך טון? אַזוי איז דאָס געזעץ...

בערטע

און ס'איז נישטאָ קיין שום אויסוועג? דאָס געזעץ דערלאָזט נישט קיין אויסנאַם?

באַרדענהאָלם

ניין, ס'הייסט, אין אַנדערע אופנים קען מען באַקומען אַן ער־לויבעניש, נאָר מען קען אויף דעם ניט רעכענען. צו וואָס זאָלן מיר קלערן וועגן אַזעלכע אוממעגלעכע זאַכן? אויב מיר זאָלן אַפילו דערלאָזן, אַז עס זענען ניטאָ קיין שום געזעצלעכע מניעות צו אונזער חתונה, קענען מיר נאָך אויך נישט חתונה האָבן זעצט זיך אויפן דיוואַן נעבן בערטען לאָמיר זיין באַרעכנט! איך באַזיץ נישט קיין שום מיטלען. מיין געהאַלט איז אַלץ, אויף וואָס איך קען רעכענען. עס קלעקט מיר קוים אויף צו טראָגן אַן אַנשטענדיקן האַלטונג און הענטשקעס. און דו האָסט אויך נישט קיין שום פאַרמעגן. מיט וואָס פאַר אַ מיטלען וועלן מיר לעבן?

ב ע ר ט ע

איך וועל נישט פאָדערן. די אינערלעכע רו און די ריינע באַציונגען — אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך פאָדער. איך וועל דיך גאָרנישט קאָסטן. איך וועל אַרבעטן, פאַרדינען.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דאָס איז אַן אומזין, מיין טייערע! גרינג צו זאָגן: „איך וועל אַרבעטן, פאַרדינען". דאָס איז כמעט אַלצאיינס ווי דו וואָלסט געזאָגט: „איך וועל פליען, אָדער איך וועל לעבעדיק מאַכן טויטע". ניין, פיר זיך נישט אַריין אין אַ פאַרבלענדעניש. אונזער גורל וועט זיין דחקות און ליידן, און אַזאַ גורל וויל איך דיר נישט פאַרלייגן. דו ביסט געוואוינט צו לעבן אין רייכקייט, — וויינינקסטנס פון יענער צייט אָן, זינט דו האָסט התונה געהאַט...

ב ע ר ט ע

די דאָזיקע רייכקייט דערנידעריקט מיך, איך פאַראַכט זי!

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

יאָ, אַזוי דאַכט זיך, ווען דו האָסט זי. איך וואָלט חשק געהאַט אויסצופרובירן די דאָזיקע שונאים פון רייכקייט... איך וואָלט זיך פאַר קיין אופן ניט מוחל געווען, ווען איך וואָלט דיר באַרויבט די מאַטעריעלישע פאַרזיכערטקייט, וואָס דיר איז נויטיק. דיין שיינקייט נויטיקט זיך אין קאָמפאָרט און עלעגאַנטע קליידער, דיין ראַפינירטער געשמאַק פאָדערט אַ קינסטלערישע אויסשטאַטונג פאַר דיין עקזיסטענץ.

ב ע ר ט ע

פאַר וואָס פאַר אַ ליאַלקע דאַרפסטו מיך האַלטן, אויב דו מיינסט, אַז איך גיב צו אַזאַ באַדייטונג דער אויסערלעכקייט.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

די רויז ווייסט נישט, וואָס עס איז נויטיק פאַר איר אַנטוויקלונג, אָבער דער גערטנער מוז עס וויסן. איך וואָלט זיך נישט געוואונטשן צו דערלעבן ביז יענעם מאָמענט, ווען דיין ליכטיקער שטערן וועט פאַרוואָלקנט ווערן מיט מאַטעריעלישע דאגות

ק׳שט איר אין שטערן. זי בלייבט קאַלט. און דאָס איז נאָך ווייט נ׳שט אַלץ: כ׳וואָלט נ׳שט געהאַט גאָר קיין האַרץ ד׳ך צושיידן מ׳ט דיינע ק׳נדער.

ב ע ר ט ע

עבעד׳ק

מיינע ק׳נדער? פאַרוואָס עפּעס זאָל א׳ך ז׳ך מ׳ט זיי צושיידן?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דו שפּאַסט. אויב דער גט וועט זיין באַשלאָסן נ׳שט לטובת ד׳ר, וועלן ד׳ ק׳נדער ווערן אָפּגענומען פון דיר און וועלן א׳בערגעגעבן ווערן דעם פאָטער.

ב ע ר ט ע

דער פאָטער נעמט זיי נ׳שט צו פון מיר. פאַר דעם האָט ער זיי צו שטאַרק ל׳ב.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דאָס איז נאָר אַ השערה.

ב ע ר ט ע

נאָך אַ קלייבער פּויזע

וואָס־זשע ווילסטו מ׳ר דערווייזן, אָטאָ? אַז אונז וועט אויסקומען קעמפן מ׳ט שוועריקייטן? דאָס ווייס א׳ך. אָבער ל׳בע א׳ז אַלץ מנצח.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דאָס א׳ז נאָר אַ פראַזע.

ב ע ר ט ע

אַזוי גאָר! געוויס, אויב די ל׳בע אַליין א׳ז נאָר אַ פראַזע. די אמתע ל׳בע האָט געגנוג קראַפט און ווילן צו קעמפן פאַר ז׳ך. אָטאָ, צ׳ האָסטו מ׳ר אַליין נ׳שט געזאָגט אין דיינע לידער: „א׳ך וואָלט געגען דעם קאָפּ געלייגט פאַר ד׳ר״?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דערמאָן ז׳ך אויף ד׳ פאָלגנד׳קע שורה: „אָבער צ׳ האָב א׳ך אויף

דעם רעכט?" איך האָב נישט קיין רעכט, איך האָב נישט!...

בערטע

אַך, ווען מען וואָלט זיך געקענט אומקערן צום אָנהויב!

באַרדענהאָלם

דו האָסט חרטה?

בערטע

דאָס ווענדט זיך אָן דיר.

באַרדענהאָלם

איך האָב דיר צוגעזאָגט ליבע, און דו ווייסט זי שטענדיק געפינען ביי מיר. דיין סאַמע באַדייטנדסטער חסרון — און אַגב דער איינציקער — איז דאָס, וואָס דו באַציִסט זיך צו אַלץ צו ערנסט. צו וואָס פֿאַרטראָגן טראַגיזם אין אונזער טייערער קליינער אידיליע.

בערטע

קליינע אידיליע?

באַרדענהאָלם

זי דאַרף ניט צוליב קיין זאַך זיין עפּעס אַנדערש. דו האָסט זיך אַמאָל אָנגערופֿן פֿאַר מיין שילערין. איך וואָלט פֿאַרלאַנגט, אַז דו זאָלסט טאַקי אַזוי פֿאַרבלייבן. איך וואָלט געוואָלט דו זאָלסט קענען אָננעמען מיינע מיינונגען. ווער טיילווייז אַ געצנדינערין אין דין צו די געטער פֿון גריכנלאַנד. אָנערקען דיינע מענטשלעכע רעכט. דו ביזט יונג, שיין, דו דורשסט נאָך לעבן. וואו איז די ניט־ערלעכקייט, אויב דו האָסט ליב און לאָזט זיך ליבן? די נאַטור גיט דיר מיט אַ שמייכל איר הסכם און באַרעכטיגונג. אויב די פּיליסטערישע מאָראַל קוקט קרום אויף דעם, טאָ לייג נישט דערויף קיין שום אַכט. אויסגעווײלטע נאַטורן שטייען העכער פֿאַר איר. גיב אַ קוק אַרום זיך: אין יעדן סאַלאָן וועסטו זען פֿרויען, וועלכע זאָגן זיך נישט אָפּ פֿון דעם פֿאַרגעניגן אָפּצורייסן די בלומען, וואָס טרעפֿן זיך אָן אויף זייער

לעבנס-וועג, און דעריבער טאַקי רינגלט זיי אַרום אַן אמתער אָרעאָל פון פרייד. נאָר דו פאַרגעסט דיין האַרץ. דו אַליין באַ-שאַפסט זיך געשפענס ער און ציטערסט אויף פון שרעק, ווען זיי דערשיינען. קוקט אויף זייגער

ב ע ר ט ע

וואָס זאָל איך אָבער טון, אויב שטענדיק קומט מיר די פראַגע: „וואָס וועט ווייטער זיין?"

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דו פאַרגעסט. אַז ליבע איז אַ ציל אַן און פאַר זיך. זי דאַרף נישט פירן צו עפעס ווייטערס. מיר וועלן מאָרגן ליב האָבן איינע די אַנדערע פונקט אַזוי, ווי מיר האָבן ליב געהאַט נעכטן אַזאַ האָפנונג באַפרידיקט מיך אינגאַנצן.

ב ע ר ט ע

און אויב אונזער סוד וועט זיך ענטדעקן?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

ער טאָר זיך ניט ענטדעקן. ער קען זיך ניט ענטדעקן, אויב ד וועסט זיין גענוג פאָרזיכטיק.

ב ע ר ט ע

נו, און אויב? וואָס וועט זיין דאַן מיט מיר?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

גלויבסטו, בערטע, אַז איך האָב דיך ליב?

ב ע ר ט ע

ווען איך וואָלט ניט געגלויבט אין דעם, וואָלט איך דאָ נישט געווען.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

אויף אַזאַ אופן דאַרפסטו מיר אָנטרויען. וואָס עס זאָל ניט טרעפן, בין איך אַ מאַן און ווייס מיין חוב בנוגע צו דיר. בערטע דריקט אים די האנט. איך חזר-איבער נאָך אַמאָל: ס'וועט זיך

קיין זאַך, קיין זאַך נישט טרעפן. דיין מרה־שחורה פאַרסמט אומזיסט־אומנישט די בעסטע מינוטן פון לעבן.

בערטע

מרה־שחורה! אויב איך פאַרנעם זיך מיט דער פראַגע, צו וואָס וועט דאָס אַלץ ברענגען?

באַרדענהאָלם

לאָמיר זיך נישט ברעכן דעריבער דעם קאָפּ. אין לעבן טרעפט, אַז עס לאָזט זיך אויס אַזוי, ווי עס קען נישט פאַרויסזען די גרעסטע פאַנטאַזיע. זאָל וועגן אונז זאָרגן דער גאָט פון ליבע, און מיר וועלן דערווייל געניסן קוקט ווידער אויפן זייגער.

בערטע

דו קוקסט שוין דאָס צווייטע מאָל אויפן זייגער.

באַרדענהאָלם

יאָ, טייערע בערטע. מיין פריינד קאַלווערט דאַרף אַרום דריי אַ זייגער קומען צו מיר וועגן אַ געמיינזאַמער אַרבעט. ער איז די פאַרקערפּערונג פון פּינקטלעכקייט. דו פאַרשטייסט, אַז מיר וואָלט זיך נישט געוואָלט, ער זאָל דיך דאָ טרעפן.

בערטע

לאַנגזאַם זיך אויפהויבנדיק

הייסט עס, אַז איך דאַרף אַוועקגיין...

באַרדענהאָלם

צום באַדויערן!

בערטע

גייט אונטער לאַנגזאַם צום טיש, כמעט ווי פאַר זיך

אַוועקגיין... ווידער אַוועקגיין, ווידער זענען מיר נישט געקומען צו אַ באַשטימטן באַשלוס... און איך האָב דיר געדאַרפט זאָגן אַזוי פיל...

באַרדענהאָלם

דערלאַנגענדיק איר דעם הוט און וואַל

דו וועסט ווידער קומען, טייערע? וועסט נאָך אַמאָל קומען, —

ב ע ר ט ע

גיט אנטשלאָסן, פאַרלעגן

צי איך וועל ווידער קומען? דו ווייסט נישט...: מיר דאַרפן גיכער קומען צו אַ ווערכן עס איז באַשלוס...

באַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

שנעל זיך דערנענטערנדיק צו דער טיר, שמייכלנדיק.

צי דען איז עס אַזוי איילק?

ב ע ר ט ע

טוט אָן פאַרן שפּיגל דעם היט און דעם וואַל; רעדט שטאַמלנדיק

איך בין נעכטן געווען ביי דער מוטער... אַך, אַטאַ... זי וויל פאָרן אויפן דרום... און איך וויל פאָרן מיט איר...

באַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

קוים הערנדיק זי, גייט צו צו דער זייטיקער טיר, עפנט זי און קוקט אַרויס אין דרויסן. נאָכדעם קערט ער זיך אום פריילעך, נעמט אַרום בערטען און פירט זי צו צו דער טיר. ביים געזעגנען זיך, שטיל.

וועגן דעם וועלן מיר רעדן שפּעטער, און דערווייל זיי לוסטיק, מיין טייערע!... זיי לוסטיק און גלויב מיר...

דריטע סצענע.

באַרדענהאָלם אליין.

באַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

גייט אַפּ אין מיטן צימער, פאַר זיך

חתונה האָבן! אומגלויבלעך! גייט אונטער צום קאַמין, פאַררייכערט פאַרטראַכטערהייט אַ ציגאַר יאָ, אויב אַפילו נעבן אַ חתונה-געהאַטער פרוי איז מען נישט גאַראַנטירט פון חתונה, דאַן...

פאָרהאַנג.

פֿערטער אקט.

אַ רייכער בּודוּאַר בּיי די וואַרמוּנדס. ראָזע ויידענע טאַפּעטן זענען גענדראַפּירט אין פֿאָרם פֿון אַ „פּאַלאַטקע“. אַ פּראַכטפֿולער טעפּיך. ליִנקס, פֿאָרנט — אַ ראָזער טואַלעטן-טיִשל מיט אַ ווענעציאַניִשן שפּיגל. נעבן איִם — אַ גרויסער דרייפֿאַכער טריומאַ. פֿאַר איִם — אַ הויכער שטייענדיִקער לאָמפּ מיִט אַ ראָזן אַבּאַזשור. פֿון היִנטן, ליִנקס — אַ שפּיִגל-שראַנק. רעכטס איִן מיִטן וואַנט — אַ קאַמיִן מיִט אַ שפּיִגל און זיִלבּערנע קאַנדעלאַבּרעס. און סופֿיִט לאָזט זיִך אַראָפּ אַ ראָזער לאָמטערן. אונטער איִם — אַ קיילעכדיִקער דיִוואַן בּאַשלאָגן מיִט ראָזע זייד און בּלומען. איִן טיִפֿקייט פֿון סצענע, רעכטס — אַ סאָפֿע מיִט פּאָסלען. איִן טיִפֿקייט פֿון סצענע און ליִנקס טיִרן. רעכטס צווי פֿענסטער. אויף דער היִנטערשטער טיִר, וואָס פֿיִרט איִן זאַל, — ראָזע זיידענע פּאָרטיערן.

ערשטע סצענע.

בּערטע און וואַרמונד.

בּ ע ר ט ע

קומט אַריין איִן אַ פּעלעריִנע, הוט און וואואַל, וועלכע זי נעמט פּאַנאַנדערבּיִנדן פֿאַרן טריומאַ, גלייך נאָך איִר קומט אַריין וואַרמונד איִן הענטשקעס.

וו אַ ר מ ו נ ד

אַך, דו גייסט אַוועק?

בּ ע ר ט ע

הערט אויף, קערט זיִך שנעל אום, נאָכדעם דרייט זי זיִך וויִדער אויס צום שפּיִגל. בּיין ניין. איִך בּיִן נאָר וואָס געקומען אַהיים.

וו אַ ר מ ו נ ד

נאָר וואָס? ווי? נאָר וואָס?

A-2586

בערטע

מיט אַ מינוט צוריק.

וואַרמונד

הייך

ס'קען זיין, מיט אַ פערטל שעה צוריק?

בערטע

לאָז מיך צו רו! אויב איך זאָג נאָר־וואָס, דאַן הייסט עס נישט מיט אַ פערטעל שעה צוריק.

וואַרמונד

דאָס איז אומגלויבלעך.

בערטע

פאַרוואָס אומגלויבלעך?

וואַרמונד

דו האָסט דאָך נישט דאָס צויבער־היטעלע, דורך וואָס מען קען ווערן ניט געזען. אָדער אפשר יאָ? אויף אַזאַ אופן וואָלט איך ביי דיר געבעטן, מיר צו געבן עס אַמאָל צו אַ געשעפט.

בערטע

רעד ניט קיין נאַרישקייטן!

וואַרמונד

נו, אויב דו האָסט נישט דאָס צויבער־היטעלע, דאַן האָסטו, הייסט עס, ווי אַ קליינינקע כשוף־מאַכערין, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ בעזים דורכן קוימען.

בערטע

דו ביזט היינט אין אַ זער גוטער שטימונג און איך קיין האָר נישט.

וואַרמונד

אַ שאָד... אין דער לעצטער צייט ביזטו קיינמאָל ניט אין אַ גוטער שטימונג. מיר וואָלט זיך פונדעסטוועגן געוואָלט וויסן,

פאַרוואָס טענהסטו, אַז דו האָסט זיך נאָר-וואָס אומגעקערט אַ היים?

בערטע

זייער אומגעדולדיק

פרעג מײַנען, וועלכע האָט מיר נאָר-וואָס געעפֿענט די טיר, אויב דו גלויבסט מיר נישט. מיר דאַכט זיך, אַז ס'איז שוין געגוג וועגן דעם צו רעדן *נעמט פֿון טיאַלעטן-טישל אַ בוך און זעצט זיך אויף דער סאָפֿע.*

וואַרמונד

וואונדערלעך! ניין, בערטע, איך וועל ניט פרעגן ביי מײַנען. דו ווייסט, איך האָב פונקט פֿון דריי פערטעל פֿיר גערעדט מיטן בעל-הבית פֿון הויז אונטן אין קאָרידאָר. קיין שום לעבעדיק וועזן וואָלט ניט געקענט דורכגיין פֿאַרביי מיר אומבאַמערקטערהייט. אין פֿאַרלויף פֿון די 15 מינוט איז קיינער ניט אַריין אין הויז, אויסער אַ יונגערמאַן, וועלכן איך האָב געזען, דאַכט זיך, מיט באַרדענהאָלמען. נו? וואָס וועסטו איצט זאָגן? *בערטע שווייגט און מאַכט אַן אויסזען ווי זי לייענט, וואַרמונד זעצט זיך נעבן איר אויף דער סאָפֿע, פֿאַרמאַכט מיט דער האַנט דאָס בוך, ווייך.* נו, בערטע, זיי זיך מודה: דו האָסט געוואָלט אַוועקגיין און איך בין געקומען אומדערוואַרטעט? גיי וואוהין דו ווילסט. איך פרעג ביי דיר נישט וואוהין, אויב דו קענסט מיר דאָס ניט זאָגן גוטוויליק.

בערטע

שפרינגט אויף און זעצט זיך אויפֿן קיילעכדיקן דיוואַן.

ניין!... איך זאָג דיר — ניין. איך האָב זיך ניט געקליבן אַוועקגיין... איך האָב זיך נאָר וואָס אומגעקערט אַ היים.

וואַרמונד

זייער ערנסט

דאָס איז נישט אמת. מיר טוט זייער באַנג, בערטע... ביז איצט האָב איך זיך ניט פֿאָרגעשטעלט, אַז דו קענסט זאָגן ליגן.

ב ע ר ט ע

זיך אָנצינדנדיק

זאָגן ליגן!

װ אַ ר מ ו נ ד

איך קען ניט געפינען קיין אַנדער װאָרט. דו ביזט געקומען אַהיים ניט פון גאַס. אין דעם בין איך זיכער.

ב ע ר ט ע

שטאַרק אױפגעבראַכט

נו יאָ, ניט פון גאַס, נאָר פון אױבערשטן שטאָק.

װ אַ ר מ ו נ ד

פאַרװאונדערט

פון אױבערשטן שטאָק?

ב ע ר ט ע

פון צװייטן שטאָק, פון באַרדענהאָלמען *א שװייגן*

װ אַ ר מ ו נ ד

לאַנגזאַם

דו ביזט געװען ביי באַרדענהאָלמען! יאָ, איצט פאַרשטיי איך, פאַרװאָס דו האָסט מיר גלייך נישט געזאָגט דעם אמת. דו פילסט אַליין, װאָס פאַר אַ אומפאָרזיכטיקייט פון דיין זייט ס'איז צו גיין צו אים. בערטע, דו דאַרפסט עס נישט טון! באַרעכן, אױב דיך װעט זען עמיצער פון די שטובּיקע, װאָס פאַר אַ רכילותן װעלן זיך דאַן אָנהױבן טראָגן. אַנדערע קענען דיך ניט אַזױ װי איך... זיי קענען צו דיר ניט האָבן מייי צוטרוי...

ב ע ר ט ע

מיט גרויס מי, מיט אַ פאַרשטיקט קול, אָדער אַנטשלאָסן

דיין צוטרוי איז אינגאַנצן איבעריק...

װ אַ ר מ ו נ ד

װאָס הייסט עס?

ב ע ר ט ע

באַרדענהאָלם און איך... מיר האָבען ליב איינער דעם אַנדערן.

וו אַ ר מ ו נ ד

אויפשפרינגענדיק, הויך

וואָס?!...

ב ע ר ט ע

איך האָב דיר דאָס שוין לאַנג געוואָלט זאָגן. איצט איז דיר שוין אַלץ באַוואוסט. איך וויל זיך שוין מער ניט באַהאַלטן. איך זאָג קיין ליגן ניט,

וו אַ ר מ ו נ ד

דריקט צונויף די פויסטן

וואָס? דו... דו...

ב ע ר ט ע

רעג זיך נישט. דאָס, וואָס איז שוין געשען, וועסטו ניט ענדערן.

וו אַ ר מ ו נ ד

וואַרפט זיך צו איר און כאַפּט איר אָן ביי דער האַנט

אומגליקלעכע! אָ! אומגליקלעכע!

ב ע ר ט ע

אויפשפּרינגענדיק

לאָז מיך אָפּ! אַך! דו וועסט מיר די האַנט צוברעכן.

וו אַ ר מ ו נ ד

פאַרשטיקט איר מיט דער האַנט דאָס מויל

שווייג! אומגליקלעכע!

ב ע ר ט ע

ווערנדיק זיך, שרייט

לאָז מיך אָפּ! העלפט!

וו אַ ר מ ו נ ד

דורך די ציין

שווייג, זאָג איך... מען דאַרף ניט קיין סקאַנדאַל! די דינסט וועט קומען.

ב ע ר ט ע

פאַרשטיקט

אויב דו ווילסט ניט קיין סקאַנדאַל, טאָ לאָז מיך אָפּ.

ו אַ ר מ ו נ ד

זעצט זי אויפֿן קיילעכדיקן דיוואַן, גייט אום איבערן צימער אין שטאַרקער אויפֿרעגונג, צעטומלט זיך אָפּשטעלנדיק, רעדט אָפּגעהאַקט

אָ! אומגליקלעכע... וואוינט ביי מיר... אונטער מיין דאַך... קושט מיינע קינדער... נאַרט אָפּ, זאָגט ליגן, זינקט אין שמוץ...

ב ע ר ט ע

טויט מיך, אויב דו ווילסט... דו ביסט שטאַרקער פֿון מיר. נאָר אַזעלכע ווערטער...

ו אַ ר מ ו נ ד

זיך אָפּשטעלנדיק

וואָס! פֿאַרשאָלטענע! דו האָסט נאָך די העזה צו עפֿענען אַ מויל!

ב ע ר ט ע

דו ביסט צו העלדיש. זידל זיך, ניטאָ קיינער ווער עס זאָל מיך פֿאַרטיידיקן.

ו אַ ר מ ו נ ד

גיי זיך צו דיין פֿאַרטיידיקער! טראָג זיך אָפּ צו אים... וואָס דאַרפֿסטו דאָ האָבן? דו האָסט דאָ נישט וואָס צו טון. אַוועק, נידערטרעכטיקע! אַוועק פֿון מיינע אויגן!

ב ע ר ט ע

שטייט אויף און גייט צו דער טיר

ו אַ ר מ ו נ ד

לויפֿט צו איר צו, כאַפּט זי ביי דער האַנט און וואַרפֿט זי אום אויפֿן קיילעכדיקן דיוואַן. זי לאָזט אַרויס אַ געשריי

אַ דו חצופה, דו ווילסט ניט אַנדערש נאָר, אַז דײַן שאַנד זאָל באַוואוסט ווערן דער גאַנצער וועלט?

בערטע

איך וועל אַוועקגײן, דו ביזט ווי אַ חיה!...

וואַרמונד

דו ווילסט אַוועקגײן? אַוועקגײן? דו וועסט אַוועקגײן, שרעק זיך ניט. מיר דאַרפן נאָך רעדן און, אַפּנים, דאָס לעצטע מאָל.

בערטע

איך וועל דיר ענטפערן נאָר אויף דעם אופן, אויב דו וועסט זיך דערמאָנען, אַז דו רעדסט מיט אַ פרויענצימער.

וואַרמונד

מיט אַ פרויענצימער? מיט אַ אומטריי, אוממאָראַלישע ווײַב, וועלכע נאַרט־אָפּ איר מאַן! דו רופסט זי אַן פרויענצימער?

בערטע

איך האָב דיר געזאָגט דעם אמת... דאָס הייסט ניט אָפּנאַרן.

וואַרמונד

געוויס! איך האָב דיך געטראָפן אין הויז און וואָל. איך האָב דיך געכאַפּט בײַם אָפּנאַרן און דו האָסט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אַרויסצודרייען. ווען עס טרעפט נישט דאָס, וואָלסטו ווײַטער געטראָגן די מאַסקע פון אַ כשרע נשמה.

בערטע

דאָס איז גאָר נישט. ווען איך וואָלט דיר וועגן דעם היינט ניט געזאָגט, וואָלט איך עס מאָרגן געטון. איך האָב עס קאַטעגאָריש באַשלאָסן. איך האָב ניט געוואָלט שפּילן קיין קאָמעדיע.

וואַרמונד

דו האָסט ניט געוואָלט שפּילן קיין קאָמעדיע? און דאָך האָסטו זי געשפּילט... און וויפיל צײַט... שטעלט זיך אָפּ, קוקט אויף איר, זי שווײַגט ס׳קען זײַן חדשים?... זי שווײַגט דו האָלסט צו פיל פון

דיין אָפֿנהערציקייט. דו רעכנסט זיך נאָך אַפֿילו איצט פֿאַר אַ העלדין פֿון אמת, פֿאַר וועלכער דו האָסט זיך שטענדיק געהאַלטן, דו האָסט דערצו נישט קיין שום גרונד. דיין מודה-זיין זיך האָט פֿאַרשפּעטיקט. דאָס וואָלט געווען אַ פֿאַרדינסט ביז דיין פֿאַלן. ווען דו וואָלסט צו מיר געקומען און וואָלסט געזאָגט: „איך האָב ליב אַן אַנדערן" — וואָלט עס געווען אָן הינטערדריידלעך און ערליך, אָבער נאָך דעם...

ב ע ר ט ע

אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, שטיל

דו ביסט גערעכט. איך האָב דיר געדאַרפֿט גלייך זאָגן וועגן דעם, דאָס איז מיין איינציקע שולד. דערפֿאַר בעט איך ביי דיר אַנטשולדיקונג.

וו אַ ר מ ו נ ד

ביטער

דיין איינציקע שולד, וואָס דו האָסט זיך באַלד ניט מודה געווען אין דיין זינד? און די זינד אַליין רעכנסטו ניט פֿאַר קיין שולד?

ב ע ר ט ע

שטאָלץ אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ.

ניין! דאָס איז נישט קיין שולד, קיין זינד! אויב מ'האָט ליב איינעם די אַנדערע, דאַן האָט מען אויך דאָס רעכט צו געהערן איינעם צום צווייטן.

וו אַ ר מ ו נ ד

קוקט שווייגנדיק אויף איר, נאָכדעם זעצט ער זיך אין פֿאָטעל

דאָס אַנטוואָרט. אַנטקעגן דעם קענסטו גאָר נישט זאָגן אַ קורץ שווייגן און דאָס וואָרט, וואָס דו האָסט מיר געגעבן ביי דעם אַלטאַר? און די שבועה, וואָס דו האָסט מיר געגעבן, צו זיין טריי?

ב ע ר ט ע

אַנטשלאָסן

דאָס וואָרט, וואָס אַ יונג מיידל האָט געגעבן כמעט אומבאַוואוסט-

זיניק, ביים שיין פון ליכט, ביי אַ שטאַרק ווירקנדיקער צערמאָניע,—קאָן זי נישט פאַרבינדן אויף דאָס גאַנצע לעבן. אויף וויפיל מיר איז באַוואוסט, האָט אין איצטיקער צייט קיינער נישט דאָס רעכט זיך צו פאַרקויפן אין קנעכטשאַפט.

ו אַ ר מ ו נ ד

צי דען האָסטו זיך דעמאָלט געפילט מיט מיר אַלס קנעכט? צי דען ביסטו געטריבט געוועזן אין פרייהייט?

ב ע ר ט ע

די בראַבע אַוועקצונעמען מיין פרייהייט איז איצט געמאַכט געוואָרן. וואַרפנדיק מיר אין פנים די סאַמע באַליידיגונגען, זלזולים און באַגייענדיק זיך מיט מיר אַזוי גרויזאַם פאַר דעם, וואָס איך טו, ווי עס הייסט מיר מיין אייגן געפיל און ווילן,—דערמיט אַליין באַשטעטיקסטו, אַז דו קוקסט אויף מיר, ווי אויף אַ שקלאַפין, און נישט ווי אויף אַ זעלבסטשטענדיקן מענטשן. דו זעסט אין מיר דיין אייגנטום, אָבער דו האָסט אַ טעות. קיינער קען נישט זיין קיין אייגנטום פון אַנדערן. איך פאָדער פאַר זיך פרייהייט, כדי צו פאָלגן די שטים פון מיין האַרצן.

ו אַ ר מ ו נ ד

די דאָזיקע פרייהייט האָסטו נישט. פרייהייט צו באַגיין פאַרברעכנס עקזיסטירט נישט.

ב ע ר ט ע

איך בין נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן. איך האָב דיך אָפּגענאַרט — יאָ... דאָס איז אַ שולד. דערפאַר האָב איך ביי דיר געבעטן אַנטשולדיגונג. אָבער ליב האָבן — ניין! דאָס איז נישט קיין פאַרברעך, — דאָס איז דאָס רעכט פון יעדן מענטשן.

ו אַ ר מ ו נ ד

שטייט אויף און גייט פון איין ווינקל צום אַנדערן

איך בין פריער, קען זיין, נישט געווען גערעכט, ווען איך האָב זיך נישט באַהערשט. איך בין טיף איבערצייגט, אַז דיך קען מען נישט באַשולדיקן. די גאַרישסטע פיעסן און דיין גאַלאַנטער

פלאַפּלער האָבן דיר גוט פאַרדרייט דעם קאָפּ. אומגליקלעך וועזן! האָסטו אַמאָל געקלערט וועגן דעם, וואָס עס וועט ווערן פון דער מענטשהייט, אויב זי וועט גיין נאָך דיין טעאָריע?

ב ע ר ט ע

איך האָב מיט דער מענטשהייט ניט צו טון. איך האָב נישט וואָס צו זאָרגן פאַר דער מענטשהייט, איך קלער וועגן זיך.

וו אַ ר מ ו נ ד

יאָ! און דו האָסט אויסגעצייכנט וועגן זיך געזאָרגט; קענסט זיך באַרימען! רעכט צו ליבן! דו זאָגסט, דאָס איז דאָס רעכט פון יעדן מענטשן? ניין. דאָס איז דאָס רעכט פון די חיות. אַ חיה פאַרייניקט זיך מיט דער ערשטער, וואָס זי טרעפט נאָר אָן. אַ מענטש טוט עס נישט. דאָס רעכט צו ליבן! אויב מען וויל אָפּהיטן דאָס דאָזיקע רעכט, דאַן האָט מען נישט חתונה, נאָר מען לאָזט זיך אַריין אין אויסגעלאַסנקייט *בערטע הויבט זיך אויף און וויל גיין. וואַרמונד זעצט זי אַנידער* ניין, ניין, דו דאַרפסט ניט אַוועקגיין. אויב דו האָסט אַזאַ שטאַרקן כאַראַקטער. דאַרפסטו זיין בכח אויסצוהערן דעם גאַנצן אמת. דאָס רעכט צו ליבן! איך קען זיך מיט אים אויך באַנוצן, ווי דו. און צי האָב איך זיך ווען עס איז באַנוצט מיט אים? *בערטע שווייגט* קיין נסיונות האָבן מיר אויך נישט געפעלט. עס זענען פאַראַן אינטערעסאַנטע פרויען, ווי אינטערעסאַנטע מענער. איך האָב אויך אַזוי אויגן פונקט ווי דו. אָבער מען דאַרף האָבן געוויסן, אַ געפיל פון פליכט, מען דאַרף זאָגן: „האַלט זיך אָפּ! האָסט ניט קיין רעכט!"

ב ע ר ט ע

און אויב דער שכל קאָן נישט גובר זיין דאָס געפיל?

וו אַ ר מ ו נ ד

יאָ, די ליבע צופלאַקערט זיך נישט מיטאַמאָל. אין דער פלוצלינגדיקייט פון דיין משוגענעם ראָמאַן גלויב איך נישט. ווייניקסטנס, ביי מענטשן, וואָס זענען פעיק צו דענקען, אַנטוויקלט זיך די ליבע ביסלעכווייז. און ביי איר סאַמע אָנהויב קען אפילו

אַ מענטש מיט גאָר אַ שוואַכן ווילן זי דערשטיקן. מען דאַרף נאָר שטענדיק אויסמיידן די געפאַר, געדענקען אָן די קינדער און מאַן. געוויס, אַז מען גיט דעם פייער שפּייז און מען צו־בלאָזט אים, כאַפּט דער פלאַם אַרום אויך דעם קאָפּ. פון יעדער סימפּאַטישער באַגעגעניש קען געבוירן ווערן ליבע, אויב מען זאָל זיך נאָכגעבן. מען דאַרף קענען זיך באַהערשן. אין דעם באַשטייט דיין שלים־מזלדיקע שולד.

בערטע

דיינע ראיות האָבן פּאַרשפּעקטיקט... הער אויף,—לאָמיר מער נישט רעדן וועגן דער פאַרגאַנגענהייט און לאָמיר זיך פונאַנדערגיין אָן צאָרן איינער אויף דעם אַנדערן.

וואַרמונד

אָן צאָרן! דו האָסט זיך איינגעאָרדענט זער באַקוועם! איך פאַר־שטיי גאַנץ גוט, אַז דו קענסט נישט פילן צו מיר קיין צאָרן. זיך קען איך נישט מאַכן קיין שום פאָרוואורף אין דער באַ־ציִונג צו דיר.

בערטע

איך זאָג דאָס אויך נישט.

וואַרמונד

איך האָב דיך ליב געהאַט און געאַכטעט... (גייט אונטער צום פענ־סטער, כדי צו דערשטיקן זיין אויפרעגונג; נאָכדעם קערט ער זיך ווידער אום)

איך האָב דיר דאָס אין אַלץ דערוויזן. איך האָב נאָר פאַר דיר געלעבט און געאַרבעט. ווי האָסטו געקענט אַזוי לייכט מיך ברענגען פאַר אַ קרבן?

בערטע

פּלאָג מיך נישט!

וואַרמונד

ווי האָט דיך געקענט אַן אַנדערער צווינגען צו פאַרגעסן דאָס הויז און טרייקייט? קען ער דיר פאַרלייגן גרעסערעס, ווי

איך? זאָג: וואָס האָט ער דיר פאָרגעלייגט?

בערטע

זיך פארטיידיקנדיק

מיין לעבן איז געווען אינהאַלטסלאָז. דו האָסט זיך נישט געזאָרגט וועגן מיין גייסטיק לעבן.

וואַרמונד

אַזוי גאָר! אין דעם באַשטייט דיין באַשולדיקונג? נאַטירלעך, איך שטעל מיט זיך נישט פאָר קיין עלעגאַנטן שרייענדיקן רעדנער. איך בין אַ מענטש אַ פּראַקטישער. איך פלוידער נישט וועגן רעאַליזם און וועגן דראַמעס פון דער צוקונפט. די דאָזיקע גאַנצע פלוידעריי איז פאַר מיר קיין מינוט צייט נישט ווערט. נאָר צי דען האָב איך דיר ווען-עס-איז פאַרבאָטן צו פאַרנעמען זיך מיט דעם? דו האָסט זיך געקענט אַרומרינגלען מיט אַלץ, וואָס איז נויטיק געווען פאַר דיין גייסטיק לעבן. צי דען בין איך צו דיר ווען עס איז אייפערזיכטיק געווען ביי דער באַקאַנטשאַפט מיט מענטשן, וואָס האָבן דיר געזאָגט יענע עסטעטישע פראַזן, וועלכע זענען נויטיק געווען פאַר דיין גליק?

בערטע

עס קען זיין, אַז אין דעם ליגט דער גאַנצער גרונט... דו האָסט מיך נישט אָפּגעהיט.

וואַרמונד

איך האָב דיך געדאַרפט אָפּהיטן? דו האָסט דאָך נאָר וואָס געזאָגט, אַז דו ווילסט נישט זיין קיין שקלאַפין, און איצט דערשייגסטו ווי אַ האַרעם-אָדאַליסטן, צו וועלכע איך האָב געדאַרפט שטעלן סריסים, כדי זי צו היטן. אויב דו ביסט אין דער אמתן „אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש”, ווי דו רופסט זיך אָן, האָסטו זיך אַליין געדאַרפט היטן. איך בין נישט קיין טערקישער פּאַשאַ. איך בין אַ געוועגלעכער סוחר. איך פיל צו מיין פרוי צוטרוי דערפאַר, ווייל איך אַכט זי. אויב איך קאָן נישט פילן קיין צוטרוי צו מיין פרוי, דאַן איז פיל פשוטער און בעסער

אַרויסצוּוואַרפֿן זי הינטער דער טיר, איידער היטן זי.

ב ע ר ט ע

איצט, געענדיקט!... דו האָסט אַרויסגעזאָגט אַלץ, וואָס איז געווען אויף דיין נשמה. לאָז מיך שוין איצט אַוועקגיין.

וו אָ ר מ ו נ ד

איך פֿאַרהאַלט דיך נישט. דו קענסט גיין. פֿון דעם איצטיקן מאָמענט אָן ביסטו מיר אַ פֿרעמדע. מיט דיין אויסזען דערמאָנסטו מיך נאָר אָן דעם, אַז דאָס דאָזיקע הויז איז דורך דיר פֿאַרשוועכט געוואָרן. *בערטע שטייט אויף, כּדי אַוועקצוגיין איבעריקנס, נאָך איינס: וואָס וועט זיין מיט די קינדער?*

ב ע ר ט ע

אַ ציטער טוענדיק

מיט די קינדער? איך וועל זיי נעמען, אויב זיי זענען פֿאַר דיר אַ לאַסט. איך וועל גערן זאָרגן וועגן זיי

וו אָ ר מ ו נ ד

פֿאַראַכטנדיק

דו פֿאַרשטייסט נישט דאָס, וואָס דו רעדסט. וועגן מיינע קינדער וועל איך זיך אַליין זאָרגן. וועגן דעם איז נישטאָ וואָס צו רעדן. אונזערע קינדער זענען מיידלעך, פֿאַרשטייסטו? און דעם פֿאַל איז ווייט נישט אַלצאיינס, ווי עס פֿירט זיך די מוטער. די מוטערלעכע פֿליכטן—איז דער בעסטער טייל פֿון פֿאַמיליען-לעבן. אין צוועלף, דרייצן יאָר אַרום וועלן די קינדער שוין זיין כּלות. די וועלט וועט נאָך צו יענער צייט נישט באַוויזן אָנצונעמען דיין שיינע טעאָריע וועגן דאָס רעכט אויף ליבע; ווייניקסטנס, מיין איך אַזוי. איך וויל נישט, אַז מ'זאָל אויף זיי טייטלען מיט די פינגער און זיך סודען צווישן זיך: „דאָס זענען די טעכטער פֿון יענער, וועלכע... האָט אַוועקגעוואָרפֿן איר מאַן, כּדי... כּדי”... נו, דאָס איבעריקע ווייסטו אַליין.
גייט אַ געוויסע צייט פֿון ווינקל צו ווינקל.

ב ע ר ט ע

מיינע קינדער וועט נישט אויסקומען רויט צו ווערן צוליב מיר.

ווארמונד

איך האָב וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג. געוויס, ס'איז פֿאַראַן אַ מיטל צו פֿאַרשטאָפּן דער וועלט דאָס מויל, און אגב דאָס איינציקע מיטל, דעריבער דאַרף איך דיך פרעגן, וואָס רעכנסטו פֿאָרצונעמען.

בערטע

וועגן מיר זאָרג זיך נישט!

ווארמונד

דו פֿאַרשטייסט מיך נישט. איך זאָרג זיך וועגן דיר אַ האָר אויך נישט. איך האָב שוין מיט דיר פֿאַרענדיקט. איך רעד איצט נאָר אין נאָמען פון די קינדער. דו וועסט אודאי גיין צו דיין... אַסעסאָר? בערטע שווייגט איך נעם אָן, אַז ער האָט דיך ליב בערטע שווייגט און אַכטעט דיך גאַנץ גענוג, נישט נעמענדיק אין חשבון דיין באַגייז זיך מיט מיר, כדי צו חתונה האָבן מיט דיר.

בערטע

אין דעם מעגסטו זיין זיכער.

ווארמונד

אויסגעצייכנט! אויב ער וועט מיט דיר חתונה האָבן, וועט די וועלט ווייניקסטנס נישט האָבן מיט וואָס אויפֿצווואַרפֿן אונזערע קינדער. דו האָסט אויף אייביק צושטערט דאָס נעסט פֿון די אָרימע קינדערלעך און האָסט צובראָכן דאָס פֿאַמיליען-גליק, אָבער מיר וועלן זיך באַמיען, אַז די קינדער זאָלן עס נישט וויסן,—ווייניקסטנס אין די יונגע קינדערשע יאָר

בערטע

אין מוטער-ליבע וועלן זיי זיך נישט נויטיקן.

ווארמונד

אין פֿאָטערליכע אויך נישט. אָבער די צוויי האַלבע בילדן ווייט נישט קיין גאַנצעס. לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן. מיין חוב

איִז נאָר קלאָר צו מאַכן די דאָזיִקע פראַגע.

ב ע ר ט ע

וועלכע פראַגע?

וו אַ ר מ ו נ ד

דיין צווייטע חתונה. די דאָזיִקע פראַגע דאַרף באַשלאָסן ווערן דורכן אַסעסאָר און דורך מיִר.

ב ע ר ט ע

הייס

איך פאַרלאַנג עס ניִשט! קיין שום אַריינמיִשן זיִך! דאָס איִז אונזער זאַך...

וו אַ ר מ ו נ ד

איך טו עס ניִשט צוליִב מיין אייגענער הנאה. מיִר איִז עס ניִשט ווייניִקער אומאַנגענעם, ווי איִיך, אָבער דאָס איִז אומפאַרמיידלעך. כדי דו זאָלסט קענען חתונה האָבן, דאַרפסטו באַקומען פון מיִר אַ גט. צו דעם דאַרפן מיִר אָנהויבן אַ פּראָצעס. איך וויִל ניִשט קיין סקאַנדאַל. אַלץ דאַרף דורכגיין אַזוי, אַז עס זאָל קיין סקאַנדאַל ניִשט פאָרקומען, און דאָס לעצטע איִז מעגלעך נאָר איִן יענעם פאַל, אויב צווישן מיִר און אַסעסאָר וועט ווערן אַ געמיינזאַמער הסכם. איך ביִן גרייט צו טון אַלץ, וואָס קען פאַרגריִנגערן דעם גט. לאָמיִר, ניִשט פאַרליִרנדיִק קיין צייט, באַשטימען וואָס מיר האָבן צו טון. דער אַסעסאָר איִז איִן שטוב. שיִק מיִנעט איִן דער הויך איִם איינצולאַדן, ער זאָל גלייך קומען.

ב ע ר ט ע

איך וועל עס ניִשט טון.

וו אַ ר מ ו נ ד

שטרענג

דו מוזט עס טון! די האָסט צושטערט מיין לעבן! איך וויִל כאָטש גיִכער אַרויסגיין פון די דאָזיקע חורבות. אַן ערקלערונג מוז געמאַכט ווערן. טו עס טאַקי באַלד!...

ב ע ר ט ע

זו וועסט אָנגעמען גוואַלד... דו ווצסט נעמען נקמה... איך וויל אים ניט אַריינציען אין אַ נעץ.

וואַ ר מ ו נ ד

ביטער

דיין זאָרג פֿאַר אים איז זער רירנדיק! זיי זיכער... דו ווייסט דאָך, אַז איך וויל ניט קיין סקאַנדאַל. אין דעם איז זיין רע-טונג. איך וועל מיט אים גאַנץ ערנסט באַטראַכטן די לאַגע. איך וועל פֿאָדערן פֿון אים אַ צוזאָג, אַז ער וועט מיט דיר חתונה האָבן. שיק נאָך אים. בערטע זיצט אויב דו ווילסט זיך ניט רירן פֿון אָרט... גייט אונטער צום קאַמין און קלינגט.

ב ע ר ט ע

דערשראָקן

וואָס טוסטו?

וואַ ר מ ו נ ד

שאַרף

עס וועט קומען מינע... באַרויק זיך! איך וויל ניט קיין רכילותן, אויף וויפֿיל מען קען זיך פֿון זיי אויסהיטן.

צווייטע סצענע.

דיזועלבע און מינע.

מ י נ ע

גייט אַריין אין דער הינטערשטער טיר און שטעלט זיך אָפּ. נאָך אַ געוויסן שווייגן

וואָס איז בויטיק, מאַדאַם?

ב ע ר ט ע

מיט שווערקייט, מיט אַ געפֿאַלענער שטים.

מינע... זייט אַזוי גוט... גיט אַ קוק...

ו א ר מ ו נ ד

אײנהאַלטנדיק דעם צאָרן

גײט צום הער באַרדענהאָלם און בעט אים קומען אויף אַ מינוט. מײן פרוי בעט אים װעגן דעם.

מ י נ ע

קוקט אויף װאַרמונדן, נאָכדעם אויף בערטען

איך הער אַפּ.

דריטע סצענע.

בערטע און װאַרמונד.

װ אַ ר מ ו נ ד

גײט פון װינקל צו װינקל. נאָך אַ געװיסן שװײגן

דאָס רעכט אויף ליבע! יאָ, דו האָסט געמײנט, אַז אויך מיך האָסטו ליב. װײניקסטנס, אַזוי האָסטו מיר געזאָגט, בעת מיר האָבן חתונה געהאַט. דו האָסט דאַן ניט געזאָגט קײן ליגן, דו האָסט נאָר אַ טעות געהאַט. איך װינטש דיר װײטער ניט צו האָבן קײן טעות. צװײ מאָל אַ טעות האָבן דאַרף מען ניט, װען ניט, װעט דײן רעכט אויף ליבע באַקומען אַן אַנדער באַפאַרבונג. נו, איך האָף, דו װעסט זײן גליקלעך מיט דײן אַסעסאָר... ער קען בעסער פאַר מיר באַפרידיקן דײנע גײסטי-קע באַדערפעניש. ער איז גאַלאַנטער פון מיר. ער איז דײן ליבהאָבער, אויב נאָר ער װעט אַזעלכער פאַרבלײבן. אַ מאַן קען ניט קאָנקורירן מיט אַ ליבהאָבער. אויב אים װעט ניט קומען צו הילף אַ געװיסע אָנערקענונג, אַ געװיסע טרײשאַפט צום פליכט מצד דעם װײב, דאַן, געװיס, דאַרף ער זיך אונ-טערגעבן. נו, מאַכנדיק אַ זשעסט מיט דער האַנט אַלצאײנס...

פערטע סצענע.

דיזעלבע, באַרדענהאָלם און מינע.

מ י נ ע

עפנט די טיר אין טיפקייט פון סצענע, ניט אריינגייענדיק
ביטע!

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

גייט אריין שנעל; מינע פארמאכט נאך איר די טיר; זעענדיק וואַרמונדן, שטעלט ער זיך אָפּ אין פארלעגנהייט.

אַך! איך האָב געמיינט... איך האָב ניט געוואָלט שטערן, ה׳ וואַרמונד ווייל אוועקגיין.

ו אַ ר מ ו נ ד

איר שטערט נישט. איך בעט אייך פאַרבלייבן. מיר דאַרפןביידע ערנסט אַ רעד טון...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

ציטערט אויף, נאר באהערשט זיך

אָ! אויף אַזאַ אופן... אַנטשולדיקט... מען וואַרט אויף מיר... אַ וויכטיקע אַרבעט... עס קען זיין, אַן אַנדערס מאָל. ווייל אוועקגיין.

ו אַ ר מ ו נ ד

גייט שנעל צו צו דער טיר און שטעלט זיך צווישן איר און באַרדענהאָלמען מיטן פּנים צום לעצטן

איר מוזט אַפּנים פאַרויס פילן... אַלזאָ, צו דער זאַך, איך ווייס אַלץ...

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

מאכט א טריט צוריק, קוקט שווייגנדיק אויף וואַרמונדן, נאָכדעם באהערשט ער זיך

ה׳ וואַרמונד, איך בין צו אייער דינסט.

ו אַ ר מ ו נ ד

אַזוי גאָר! און דערמיט רעכנט איר יוצא צו זיין?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

איך חזר איבער: כ׳בין גרייט אייך צו געבן אַ באַפרידיקונג. דאָס, מיין איך, מאַכט אונז לויז פון דער נויטיקייט ווייטער צו פירן דעמדאָזיקן שמועס.

ווארמונד

געוויס, דאָס איז דאָס יושרדיקסטע. מיר דאַרפן זיך שיסן. דאָס איז שאַרפזיניק! אַ דועל מיט אַן אָפּגעגנאַרטן מאַן וועט אייך גאָר מאַכן פאַר אַ העלד! ניין, ה׳ אַסעסאָר, די זאַך פאָדערט אַן ערנסטע באַציונג.

באַרדענהאָלם

לויט מיין מיינונג, בין איך גענוג ערנסט...

ווארמונד

איך געפין עס נישט. מיר ווילט זיך גלויבן, אַז איר זענט אַ מענטש פון ערע, כאָטש איר האָט אומערלעך מיסברויכט מיט מיין פריינטשאַפט.

באַרדענהאָלם

ה׳ וואַרמונד, איך מוז אייך בעטן...

ווארמונד

ווי אַ מענטש פון ערע, דאַרפט איר וויסן, וואָס אייך בלייבט צו טון.

באַרדענהאָלם

איך האָב אייך שוין געזאָגט: ווען איר ווילט, וואו איר ווילט און אויף וועלכע עס איז באַדינגונגען.

ווארמונד

צאָרנדיק

אַך, לאָזט איבער, ענדלעך, די נאַרישקייטן! איך וועגד זיך צו אייער געוויסן, און איר לייגט מיר פאָר אַ דועל. קיין שאָסן וועלן דאָ גאָרנישט קענען מאַכן. קודם כל דאַרפט איר געבן אַ באַפרידיקונג נישט מיר, נאָר דער דאָזיקער פרויענצימער, וועמענס לעבנס-רו איר האָט געשטערט.

בערטע

וואָס איז ביז איצט געזעסן אַ פאַרטראַכטע, ניט נעמענדיק קיין אָנטייל אין שמועס און אָנהערנדיק דעם בליק פאָרויס, זיפצט אָפּ טיף און קוקט אויף באַרדענהאָלמען.

ווארמונד

איר האָט נאָך קיין וואָרט ניִשט געזאָגט וועגן אייער קרבן. איר האָט זיך ניִשט באַמיִט צו פרעגן, צו וואָס פאַר אַ באַשלוס איך ביִן געקומען בנוגע צו איר.

באַרדענהאָלם

האָב איך אויף דעם רעכט?...

ווארמונד

וויִ פעדאַנטיש איר האָט גענומען אַכטונג געבן אויף אייערע רעכט! ציִ האָט איר געהאַט רעכט אָפּצונאַרן ניִדעריק אַ פריינט, וואָס האָט אייך אַרויסגעוויזן אַזאַ אומבאַגרענעצטן צוטרוי? האָט איר געהאַט דאָס רעכט צו רויבן ביי מיִר מיין פרוי, און ביי די קינדער — זייער מוטער?

באַרדענהאָלם

אויב איר דריִקט זיך אַזוי אויס... ווייל אַוועקגיין

ווארמונד

שטרענג

ניט פון אָרט פריִער, איידער כ'וועל זיך ניִט דערוויסן, ווי האָט איר בדעה אויסצוקויפן די שולד אַנטקעגן מיין פרוי! ביִטער איך רוף זי נאָך אָן „מיין פרוי” נאָך אַלטער געוואוינטשאַפט...

באַרדענהאָלם

דערוויִיל זיך בערויִקנדיִק, קאַלט

איך פאַרשטיי אָבער ניִשט, וואָס אייגנטלעך פאַרלאַנגט איר פון מיִר.

ווארמונד

איר האָט אַוועקגענומען די עֶרע פון דער דאָזיִקער פרויענציִמער. מען קען אומקערן אַ חתונה־געהאַטער פרוי איר ערע פונקט אַזוי וויִ אַ פאַרפיִרט מיידל... איינגאַנצן אַלצאיינס: חתונה־האָבנדיק מיט איר. איך רעכן, אַז איר זענט גרייט אויף דעם.

באַרדענהאָלם

קוקט פֿ־רוּאינדערט

װאַרמונד

איבערלעך, קען זיין, לאַכט איר איבער דעם קאָמיזם פֿון דער לאַגע: אַ מאַן וויל חתונה מאַכן זיין אייגענע ווייב! לאַכט נישט! די זאַך איז פֿאַר אייך זער אַן ערנסטע, אַלזאָ, ווילט איר ברענגען פֿון אייער זייט אַ קרבן פֿאַר אייער שולד?

בּאַרדענהאָלם

(קאַלט, אַביסל איראָניש)

ס׳איז אַ גרויסער ספֿק, צי אייער פֿרוי וועט אייך זיין דאַנקבאַר פֿאַר אייער אַריינמישן זיך.

װאַרמונד

וועגן דעם פֿרעג איך אייך נישט. איך דערפֿיל אַ חוב. איך רעדי ווי אַ פֿאַרטיידיקער פֿון מיינע קינדער, וועלכע טאָרן נישט האָבן פֿאַר אַ מוטער אַן אַרויסגעטריבן ווייב. אויב איר זענט מרוצה צו פֿאַרגלעטן אייער שולד, בין איך גרייט מיט אייך זיך פֿרידלעך פֿאַנאַנדערצוגיין, ענדלעך, האָב איך נישט דאָס רעכט מיט געוואַלט איינצוהאַלטן מיין פֿרוי. זי געהערט ניט מיר — זי איז אַ פֿרייער מענטש און קען פֿאָלגן איר נייגונג. איר האָט מיך באַזיגט אין איר האַרצן. איך טרעט אייך אָפּ דאָס אָרט... איך וויל נישט שטיין אויפֿן וועג פֿון אייער גליק. איך בין מרוצה אויף אַ גט. פֿאַרן געריכט וועל איך זיך שטעלן אַלס שולדיקער, זאָל מען מיך אָנקלאָגן. אויף אַזאַ אופֿן איז מעגלעך צו פּטרן דעם עסק, ווי אַ פּוסטע פֿאָרמאַליטעט, אָן שום סקאַנדאַל. די קינדער וועלן לויט דער רייע אַ האַלב יאָר זיין ביי זייער מוטער, אַ האַלב יאָר ביי מיר א שווייגן נו?

בּערטע

(קוקט שרעקנדיק אויף באַרדענהאָלמען)

בּאַרדענהאָלם

(אויסמיידנדיק איר בליק)

איר פֿאָדערט אוממעגלעכעס, איך זאָל אַזוי גאַנץ פּלוצלינג...

וואַרמונד

איבערשלאָגנדיק אים צאָרנדיק

איך מיין, אַז איר האָט געהאַט גענוג צייט אויף צוצוגרייטן זיך דערצו. איר האָט ניט געדאַרפט צווייפלען אין דעם, אַז איך וועל מיין ווייב דורכיאָגן, ווי גאָר כ'וועל געוואָר ווערן דעם אמת. צי דען וועט איר זי אַוועקוואַרפן נאָך דעם, ווי איר האָט ביי איר באַרויבט איר דאַך און הויז־געזינד?

באַרדענהאָלם

דער ענין איז אונז נוגע. דאָ איז נישט קיין אָרט... וויל אוועקגיין

וואַרמונד

ביים אונטער צו דער טיר, שטורמיש

אַנטלויפן? ניין! מיר דאַרפן זיך פריער פאַר אַלץ אויסחשבונען...

באַרדענהאָלם

אויב איר רעכנט מיר אַריינזעצן אַ מעסער אין האַלז, וועל איך זיך פאַרטיידיקן. מיט געוואַלט וועט איר גאָרניט מאַכן.

בערטע

ניט קלאָר

גענוג... לאָז אים אָפּ...

באַרדענהאָלם

דאָס אַלץ אין דער געגנוואַרט פון מאַדאַם...

בערטע

שטייט אויף מיט שווערקייט און וויל אוועקגיין

וואַרמונד

ניין, ניין. איראָניש די „מאַדאַם" דאַרף פאַרבלייבן. זי איז — „אַ זעלבסטשטענדיקער מענטש", ווי זי רופט זיך אָן. זי איז אַליין פאַרפליכטעט צו זיין ביי דער באַשליסונג פון איר גורל.

בערטע לאָזט זיך ניט ווילנדיק אַראָפּ אויפן קיילעכיקן דיוואַן.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

איך האָב נישט וועגן וואָס צו רעדן... דאַכט זיך, אַז איך בין דאָ אריינגעפאַלן אין אַ פאַסטקע...

ב ע ר ט ע

שטיל

ניט איך בין דאָס שולדיק.

וו אַ ר מ ו נ ד

שנעל

דאָס האָב איך איינגעאָרדנט. איך האָב געוואָלט מאכן אַ סוף, און, אויב מעגלעך, אָן אַ סקאַנדאַל. אַלזאָ?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

אונטער דער ווירקונג פון דער ערשטער אויפרעגונג רעדט איר וועגן אַרויסטרייבן... איך פאַרשטיי דאָס... אָבער ווי נאָר איר וועט קומען צו זיך...

וו אַ ר מ ו נ ד

אפגעהאַלטנדיק מיט שווערקייט דעם צאָרן

אָן פראַזן! זייט איר מרוצה חתונה צו האָבן מיט אַ פרויענצימער, וועמענס ערע איר האָט באַרויבט?

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

דאָס איז דאָך... ווי שטעלט איר זיך דאָס פאָר?... ווי קען איך ביי מיין לאַגע...

וו אַ ר מ ו נ ד

ביי אייער לאַגע!... איך פאַרשטיי... איך וועל צאָלן אַ רענטע, וואָס וועט קלעקן אויף צו דערציִען מיינע קינדער.

ב אַ ר ד ע נ ה אָ ל ם

נאָך אַ געוויסן שווייגן

געוויס, דאָס פאַרגרינגערט די זאַך. אין דער אמתן איז פאַראַן אַ גרונט צו נעמען ביי אייך געלט, דאָס איז דאָך פאַר די

קינדער... אָבער איִר דאַרפֿט מיִר געבן צייט... איך דאַרף זיִך אָקאָרשט באַקלערן. צוליב מיין אייגענער ווערדע מוז איך אַלץ איינאָרדנען אַזוי, כּדי עס זאָל ניִשט אויסקומען, אַז איך טו עס על פּי נויט. איך דאַרף צו אייך קומען גוטוויִליק... מאַכט אַ טריִט איִן דער ריִכטוּנג צו בערטען און וויִל איר אויסשטרעקן די האַנט.

בערטע

טוט אַ געשריי, שפּריִנגט־אויף פֿון אָרט און גייט אַוועק פֿון איִם

רירט מיך ניִשט אָן!

באַרדענהאָלם

זיִך פֿאַרליִרנדיִק.

יאָ, אויף אַזאַ אופֿן... צו וואַרמונדן איִר זעט...

בערטע

געננוג. גייט אַוועק!... וואָן!... פֿאַלט אויפֿן שטול און פֿאַרמאַכט מיִט די הענט דאָס געזיִכט.

וואַרמונד

האַרט

שפּעט! ער איִז פֿאַר דיִר געווען געננוג גוט, ווי אַ ליִבהאָבער, דאַרף ער אויך געננוג גוט זיין פֿאַר אַ מאַן. אַלץ ערגער איִז פֿאַר דיִר, אויב ערשט איצט האָסטו זיִך אַרומגעזען איִן זיין ניִדעריִקייט.

באַרדענהאָלם

גנעדיִקער הער! איך האָב אייך פֿאָרגעלייגט אַ ריִטערלעכע באַפֿריִדיִגונג. מיִר איִז ניִט אָנשטענדיִק, ווי אַ הויז־וועכטער...

וואַרמונד

באַליידיִקט ניִשט קיין ערלעכע הויז־וועכטער, איִר, עלעגאַנטער מנוול.

באַרדענהאָלם

אַ מענטש, וואָס וויִל זיִך ניִט שלאָגן, האָט ניִט קיין רעכט צו באַליידיִקן...

ווארמונד

גיט אויסהאַלטנדיק

אָבער איך האָב דאָס רעכט אייך איבערצוברעכן הענט און פיס

פאַרמעסט זיך אויף אים.

בערטע

וואַרפט זיך מיט אַ געשריי צווישן זיי און האַלט איין ווארמונדס אויפגעהויבענע פויסטן

ניין, ניין... לאָז אים אָפּ... נאָר וואָן, נאָר גייט אַוועק!..

ווארמונד

באַמיט זיך צו באַפרייען, רייסט זיך צו באַרדענהאָלמען און שלעפט דערביי עטלעכע טריט

בערטען, וואָס איז געפאַלן אויף די קני:

אַוועק, נידערטרעכטיקער!

באַרדענהאָלם

דערגייענדיק ביז צו דער טיר און עפענענדיק איר.

קרעמער, קולאַק! גייט אַוועק, אַ קלאַפּ טועדיק ביז מיט דער טיר.

פינפטע סצענע.

בערטע און ווארמונד.

בערטע

לאָזט אָפּ ווארמונדן, פאַלט אויף דער ערד, קריכט צו זיין קיילעכדיקן דיוואַן און הויבט-אָן צו וויינען.

ווארמונד

גייט אום אין שטאַרקער אויפרעגונג איבערן צימער, נאָכדעם גייט ער צו צום פענסטער און עפנט עס אויף

נאָך אַזאַ הער דאַרף מען דורכלופטערן דאָס צימער רוקט זיך אַרויס אויף אַ ווילע אין דרויסן, נאָכדעם קערט ער זיך אום און ווישט אָפּ מיט אַ טיכל דעם שטערן גו, פילסטו איצט דעם געהעריקן עקעל צו דיין ריטער?

בערטע

ווי אויפוואכנדיק פון חלשות, קלאנגלאז

ניין, צו זיך. שטייט אויף, גייט לאנגזאם צום גלעזערנעם שראנק און עפנט אים, מיט ציטערדיקע הענט נעמט זי ארויס פון אים וועש, עפעס פאלט ארויס ביי איר פון די הענט; זי הייבט אויף און לייגט אויפן פאטעל.

וואַרמונד

קוקט אויף איר א געהייסע צייט, צוטוליענדיק זיך מיטן רוקן צו דער וואנט און אויס־קרייצנדיק די הענט.

וואָס טוסטו?

בערטע

קלאנגלאז, נישט אומקערנדיק זיך

איך פּאַק זיך איין...

וואַרמונד

וואָס האָסטו אויסגעקלערט?

בערטע

איך גיי אַוועק.

וואַרמונד

וואוהין? צו דער מוטער?

בערטע

לעבעדיק, אויפהערנדיק אויפצולייגן די זאכן

ניין! איך וועל איר דאָס נישט טון...

וואַרמונד

אַזוי גאָר! וואָס האָסטו בדעה פאָרצונעמען?

בערטע

ארפּלאָזנדיק די אויגן

איך ווייס נאָך נישט. איך וויל אַוועקגיין פון דיינע אויגן, פון אַלעמענס אויגן, וועלכע קענען מיך. איך וועל זוכן אַ שטעלע אַלס אַ גובערנאַנטין, אַן עקאָנאָמין אָדער באָנע. איך ווייס נישט

קוקט פארגליווערט פאָרויס

וואַרמונד

גייט דאָ ראַש, דאָ שטילער און שטעלט זיך אָפּ פֿאַר בערטען. לאַנגזאַם.

אַזוי, דו ווילסט, הייסט עס, בעל־הביתעווען, דערציִען און אַרומגיין אַרום קינדער. איך לייג דיר פֿאָר צו דערציִען און אַרומצוגיין אַרום דיינע אייגענע קינדער. בעל־הביתעווע אין דיין אייגענער שטוב.

בערטע

קוקט אויף אים מיט ברייט־פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע אויגן, איבעראַשט.

אַך... דו... *וואַרפֿנדיק זיך צו אים* דו ביזט מיר מוחל?

וואַרמונד

מאַכט שנעל אַ טריט צוריק, האַלט זי איין מיט אַ גיכער באַוועגונג, טרוקן.

דו האָסט אַ טעות! *בערטע לאָזט אַראָפּ די הענט און דעם קאָפּ.* איך בין נישט מוחל... דו האָסט מיך נישט פֿאַרשטאַנען. איך וועל דיר דערקלערן, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן. *בערטע לאָזט זיך אַראָפּ אין פֿאָטעל. וואַרמונד שטעלט זיך אַנטקעגן איר און רעדט לאַנגזאַם, פּיינלעך פֿאַנאַנדערציִענדיק די ווערטער,* דאָס, וואָס איך לייג דיר פֿאָר, איז ווייסט נישט קיין אַנטשולדיקונג, נאָר אַ שווערע אָפּקומעניש, אַ מוראדיקע אָפּקומעניש! דו דאַרפֿסט פֿאַרבלייבן, אין די אויגן פֿון דער וועלט וועט זיך גאָר נישט ענדערן. דו וועסט פֿאַרבלייבן פֿרוי וואַרמונד און וועסט זיצן ביי מיין טיש. אָבער די שולד דיינע וועט שטיין צווישן אונז, ווי אַ געשפּענסט. דו וועסט זיין פֿאַר מיר א פֿרעמדע, אַזוי אויך ווי איך פֿאַר דיר. דו וועסט, פּיינט האָבנדיק פֿאַרמאַסקירונג, געצוואונגען זיין צו שפּילן אַן אומדערטרעגלעכע, שווערע קאָמעדיע פֿאַר אַלעמען, פֿאַר די קינדער, אַפֿילו פֿאַר דער מוטער. דו וועסט זיך געפֿינען אין איין צימער מיטן מאַן, וועלכן דו האָסט אָפּגענאַרט און וועלכער האָט דיך פֿאַרמשפּט. דו וועסט זיך נישט אויסבאַהאַלטן פֿון זיין בליק. מיט מיר וועסטו זיין אין געזעלשאַפֿט, דו וועסט פֿילן, ווי מיין האַנט איז גרייט דיך מיט עקל אָפּצושטויסן, נאָר דו וועסט מוזן לפּנים וועגן מאַכן אַ פֿריילעך געזיכט. דיין שטוב וועט פֿאַר דיר זיין אַ תּפֿיסה. דו האָסט נישט געוואָלט זיין קיין

שקלאַפֿין, איצט וועסטו זיין אַ שקלאַפֿין פֿון דיין שולד. זעסט, איך באַהאַלט פֿון דיר גאָרנישט, קיין זאַך טרייב איך נישט איבער. דו וועסט גרויזאַם ליידן, איך אויך, ווייל אויך פֿאַר מיר וועט זיין אַ שטענדיקער פּיין צו דערמאָנען זיך, אַ קוק טועדיק אויף דיר, וועגן אַלץ און אָנערקענען, אַז דער געשפּענסט פֿון גליק, וואָס האָט מיך אַרומגערינגעלט איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען גלייך ווי ער וואָלט גובר געווען אַן אויפֿגעוועקטן געדאַנק, נאָך אויסדריקלעכער: אויף אייביק פֿאַרלאָרן. דאָס איז — אַ גהינומשער פּלאָג, און איך פֿערזענלעך האָב אים נישט פֿאַרדינט. מיר נעמען אויף זיך די דאָזיקע מאַטערניש צוליב די קינדער, זיי טאָרן קיין זאַך נישט באַמערקן. זיי דאַרפֿן ווי פֿריער זען אין זייער קינדערשן חלום פֿרידן און גליק. זעסטו, אויב עס זענען פֿאַראַן קינדער דאַרף מען זיי אָפּגעבן דאָס לעבן. דו האָסט וועגן דעם נישט געטראַכט, טאָ זיי זיך איצט מקריב פֿאַר זיי. דאָס וועט זיין אַן אָפּקומעניש פֿאַר דיין זינד. אפֿשר געפֿינסטו דאָס פֿאַר צו גרויזאַם? שטאַרק זיך מיין געדאַנק, וואָס כאָטש דיינע קינדער וועלן דיך אַכטן, אויב איך... קען דיך נישט אַכטן. קלעקט דיר מוט צו נעמען אויף זיך די דאָזיקע שטראָף?

ב ע ר ט ע

פֿאַרשטעלענדיק מיט די הענט דאָס פּנים

איך קען נישט. דאָס איז צו שווער.

וו אַ ר מ ו נ ד

דערמאָן זיך אין די קינדער.

ב ע ר ט ע

ווי פֿריער

שטאַרבן — אָט דאָס איז די אָפּקומעניש.

וו אַ ר מ ו נ ד

שטיל

פֿאַר דיר, אָבער נישט פֿאַר די קינדער אַ שווייגן.

ב ע ר ט ע

(וויינענדיק)

טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט. איך וויל ליידן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דו וועסט מוחל זיין.

וו אַ ר מ ו נ ד

(מאַכט אַ פאַרגיייענדיקע באַוועגונג. פון פאַרצימער הערן זיך קינדערשע טריט און שטימען: „וואו איז די מאַמע?“.)

וו אַ ר מ ו נ ד

(ליגט די האַנט אויף בערטעס אַקסל, שנעל)

באַרויק זיך, די קינדער טאָרן דיך נישט זען אַזאַ.

ב ע ר ט ע

(ציטערט אויף, שטייט אַ מינוט ווי אַ פאַרטויבטע, ווישט אָפּ מיט דער האַנט די טרערן און גייט אַרויס וואַקלענדיק פון צימער.)

וו אַ ר מ ו נ ד

(קוקט איר נאָך ביז וואַנען זי פאַרמאַכט נישט נאָך זיך די טיר, נאָכדעם פאַרשטעלט ער מיט די הענט דאָס פּנים און לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אויף אַ שטול.)

פאָרהאַנג.